Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראשען

הייגט 8 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 251/1546	Łódź, Poniedziałek 29 października 1928 r.	זעקסטער יאהרגאנג	לאדז, מאנטאג, טו מרחשון תרפ"ט	Nr. 251/1546

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

יודישע מלאכה און לאנדווירטשאפט אין פוילן

ערעפנונג פון דער „ארט"-אויסשטעלונג אין ווארשא.

ווארשא, 28 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט איז אין די זאלען אויף דלוגע גאס 39 געעפענט געווארען די לאנד-אויסשטעלונג פון „ארט". ביי דער ערעפנונג איז אנוועזענד געוועזען דער ווארשאווער פרעזידענט אינזש. סלאמינסקי, פרעז. פארבשטיין פון דער יודישער קהלה, פארשטעהער פון פערשידענע קולטורעלע און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס און איינגעלאדענע געסט.

די ערעפנונגס-רעדע האט געהאלטען ה' פארבשטיין, וועלכער האט אנגעוויזען אויף דער בעדייטונג פון „ארט" אלס ארגאניזאציע, וואס פראדוקטיוויזירט די יודישע מאסען און פארשפרייט צווישען זיי מלאכה און פאך-קענטעניסען.

די אנוועזענדע האבען דאן בעטראכט די עקספאנאטען, וועלכע בעשטעהען פון פערשידענע ארטיקלען און פראדוקטען, וואס ווערען אויסגעארבייט אין די אנשטאלטען, שולען און ווארשטאטען פון ארט. א גרויסע אפטיילונג איז געווידמעט די עקספאנאטען פון דער ארט-שולע אין לאדז.

2 צימער זענען געווידמעט דער יודישער ערד-ארבייט אין פוילען, עס ווייזט זיך ארויס, אז די יודישע לאנדווירטשאפט אין פוילען, וועלכע עקזיסטירט שוין זייט א הונדערט יאהר, שטעהט אין דער היגזיכט פון גערטנערייי אויף א זעהר הויכען ניוואָ. צ. א. איז אויפגעשטעלט א ביהנשטאק, וואס איז קאנסטרואירט פון א יודישען אינסטרוקטאר. דער דאזיגער אינסטרוקטאר האט ערשט נישט לאנג זיך גענומען צו ביהנען-צוכט און האט דערגרייכט אזא פאלקאמענהייט, אז ער איז איצט איינגעלאדען אלס אינסטרוקטאר אין „ויזוואלעניע" און צו פוילישע „לאנדווירט-קרייזען". ער האט אויך שוין בעקומען א גרויסע אויסצייכנונג פאר זיינע אויפטוען אויף דעם געביט מצד דער רעגירונג.

נאכ'ן בעזיכטיגען די אויסשטעלונג איז פארגעקומען א באנקעט, אויף וועלכען עס האבען גערעדט די ה"ה: פארבשטיין, שערעשעווסקי, ראבינער שאר און ארטור (פון קולטור אמט). ה' ארטור האט צ. א. אנגעוויזען אויפ'ן קאמף, וואס ווערט געפיהרט אין די לאדזער פאבריקען פאר אנגעהמען יודישע ארבייטער און בעזאגט, אז דער חוב פון די יודישע פאבריקאנטען איז אריינצונעהמען יודען אין זייערע פאבריקען.

ערב א שטרייק פון מעטאל-ארבייטער אין סאסנאוויץ.

סאסנאוויץ, 28 (א.וו.) נעכטען איז אין לאקאל פון די קלאסען-פראיינען פארגעקומען א פערזאמלונג פון מעטאל-ארבייטער-פעראיין. אויף דער דאזיגער פערזאמלונג איז בעשלאסען געווארען אז אויב די קאנפערענץ צווישען די ארבייטסגעבער און די ארבייטער, וואס איז בעשטימט געווארען אויפ'ן 30 ד. ח. וועט נישט ברענגען צו קיין רעזולטאט, וועלען די מעטאל ארבייטער פערשטרייקען.

מאניפעסטאציעס אין ווארשא געגען אימפארט

ווארשא, 28. (א.וו.) היינט, אין דעם צווייטען טאג פאר ווירטשאפטליכער זעלבסט-אויסהאלטונג, זענען שוין פון סאמע פריהמארגען ארויסגעפאהרען אין דער שטאט 7 דעקארירטע אויטאס, וואס האבען רעפרעזענטירט פערשידענע אפטיילונגען פון אינלענדישע אויסארבייטונגען.

ארום איינס א זייגער איז אויפ'ן זאקסישען פלאץ ארגאנזירט געווארען א ריזיגער מיטינג, אויף וועלכען עטליכע רעדנער האבען גערעדט צום המון, שילדערענדיג פאר זיי, ווי שעדליך עס איז פאר דעם ווירטשאפטליכען לעבען פון דער מלוכה דאס אונטערשטיצען פון דעם אימפארט.

נאך דעם מיטאג האט זיך פארמירט א קאלאסאלע דעמאנסטראציע, וועלכע איז אדורך די גאסען פון דער הויפטשטאט מיט אנ'ארקעסטער פון טראמוואי-באמטע אין דער שפיץ, און טראגענדיג ענטשפרעכענדע טראנספאראנטען.

דענקמאל פאר'ן ערשטען מלוכה-פרעזידענט.

בעלסק, 28. (א. וו.) היינט איז פארגעקומען די ענטהילונג פון א דענקמאל פון דעם ערשטען פוילישען מלוכה-פרעזידענט, נאבריעל נארוטאוויטש.

א מארד אין אלעקסאנדער.

(—) נעכטען אין אווענד איז אין אלעקסאנדער אין מיטען מארק פארגעקומען א שרעקליכער פאל וואס האט געקאסט דאס לעבען פון דעם 18-יעהריגען זאקען-ארבייטער פראנטשישעק ווישניעווסקי.

ארום 10 א זייגער אין אווענד איז פון א פאפיראסען-געוועלב ארויסגעגאנגען דער דערמאנטער פראנטשישעק ווישניעווסקי צו איהם איז צוגעגאנגען דער 18-יעהריגער אלעקסאנדער אוטשארעק און פערלאנגט א פאפיראס. ווישניעווסקי האט געענטפערט, אז ער וויל איהם נישט געבען קיין פאפיראס און וויל זיך בכלל מיט אוטשארעק'ן נישט חבר'ען. דערויף האט אוטשארעק אויפגעהויבען אנ'אייזערנעם שטעקען, וואס ער האט געהאלטען אין האנד, און דערמיט דערלאנגט ווישניעווסקי'ן איבער'ן קאפ. ווישניעווסקי איז געפאלען אהן בעוואוסטזיין.

נישט קוקענדיג אויף אלע בעמיהונגען איז ערשט געלונגען צו בעקומען א דאקטאר נאך א גאנצע שעה זוכען. דער דאקטאר האט נאר געקאנט קאנסטאטירען דעם טויט פון ווישניעווסקי'ן.

אוטשארעק איז ארעסטירט געווארען און איז אפגעשיקט געווארען קיין לאדז.

קאנפליקטען ביי דער געשענדעטער שוהל אויף פאלודניאווא 25

א דעלעגאציע פון מתפללים ביים בישוף טימיעניעצקי.

(—) אין פערלויף פון דעם גאנצען נעכטיגען טאג האבען זיך ווידער אמאל הונדערטער יודען געזאמעלט אויפ'ן הויף פון פאלודניאווע 25, וואו ס'איז פארגעקומען די שענדונג פון דער שוהל, וועגען וועלכען מיר האבען נעכטען באריכות געשריבען.

דער הויזווירט האט גערופען פאליציי, און אין משך פון גאנצען טאג זענען פארגעקומען קאנפליקטען צווישען פאליציאנטען און דעם פערזאמעלטען עולם.

דער עולם האט אבער נישט איינגעהאלטען די געמיטער, און עטליכע יונגעלייט האבען מיט שטיינער אויסגעהאקט די שויבען אין דער וואוינונג פון דעם הויזווירט הערשעל ראזען.

נעכטען אין דער פריה איז א דעלעגאציע פון די מתפללים פון דער עקסמיסירטער שוהל אוועק צום היגען בישוף טימיעניעצקי, כדי דער לעצטער זאל אינטערווענירען, אז דאס קריסטליכע הייליגע בילד זאל אראפגענומען ווערען פון ארט, וואו ס'איז געשטאנען דער ארון-קודש.

ה' בישוף טימיעניעצקי האט אויפמערקזאם אויסגעהערט די דעלעגאציע, און האט בערויערט וואס ער אליין קען נישט געהען אויפ'ן ארט פון געשעהעניש, ער האט פערארדענט תיכף אראפצונעהמען דאס הייליגע בילד פון דער וואנד.

די פעראָרדנונג פון ה' בישוף איז גלייך אויסגעפיהרט געווארען.

א טראגעדיע פון א יודיש דינסט-מיידעל אין לאדז.

מיט דעם בעקער וועט זיך מתעסק זיין דער פרויען-שוץ-פעראיין.

(—) אין קאנצעלאריע פון דער קהלה איז נעכטען געקומען דאס פרייליין לאה קאוואלסקא מיט א קינד פון עטליכע טעג אויף דער האנד, און דערצעהלט פאלגענדע געשיכטע:

זי קומט גלייך פון קימפעטארין-קליניק, וואו זי האט געבוירען א יונגעלע, זי איז א מיידעל, איינע אליין, און האט נישט, ווער ס'זאל איהר העלפען.

ערשטענס פערלאנגט זי פון דער קהלה, אז מ'זאל דאס קינד, אלס יודישעס, מל זיין, צווייטענס פערלאנגט זי, אז די קהלה זאל זיך פערנעהמען מיט דעם קינד, כדי זי זאל קענען ווייטער געהען ארבייטען און פערדינען אויף ברויט.

דערביי האט דאס אומגליקליכע מיידעל דערצעהלט א סוד, אז דער פאטער פון איהר קליין קינדעלע איז דער היגער בעקער א., ביי וועלכען זי האט געארבייט אלס דינסטמיידעל.

דער פרעזעס פון דער קהלה האט דעם ענין ערלעדיגט אויף פאלגענדען אופן: דאס מל זיין וועט אדורכפיהרען דער מורה הוראה ה' לייבוש ראזענבערג; דאס קינד וועט אוועקגעגעבען ווערען אויפ'ן חשבון פון דער קהלה אין זויגלינגס-היים פון „טאז", און מיט דעם בעקער א. וועט זיך בעשעפטיגען דער היגער פרויען-שוץ-פעראיין.

הננו משתתפים בצערו של רבינו היקר
הרה"ג ר' עמנואל נ"י זילבערשטיין
(הנקרא ר' עמנואל טאמאשאווער) במות עליו
בנו היקר האביך

נ"ע תנחום שמחה

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבילי ציון
וירושלים. תלמידיו

ישראל יוסף גאטהייזער,
יחיאל אליעזר זענדעל,
לייב שלום הערשענהארן,
יוסף משה קאהן.

9112

ווערש-נייהערינס
און
טריקאטאזש-נייהערינס
ווערען געזוכט
ביי פינקעלשטיין
זגערזשער 14,
פראנט.

א טאפעציר-געהילף
און א לעהרלינג ווערט
געזוכט ביים טאפעצירער
ה. קעניג, קאנסטאנט. 14.

אויפפאדערונג!

אלע, וועלכע האבען פראטעסטען, איינגענע אדער קונדנישע, פון מאלא פאזנער, זשעראנא 55, ווערען אויפגעפאדערט צו קומען זונטאג, דעם 4-טען נאוועמבער אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין, פעטריקאווער 10.

מ'ווערט געבעטען מיטצוברענגען די פראטעסטען. קומט אלע ווי איינער, עס איז אין אייערע אייגענע אינטערעסען.

WEZWANIE.

Wzywam Panów NASIELSKICH do załatwienia wiadomej Im sprawy w ciągu 24 godzin.

Birencwajg,
Radwańska Nr. 7.

2127

Dr. DONCHIN

מאניושקי 1, טעלעפאן 9-97
ספעציאל ארצט פאר אויגענקראנקהייטען
צוריקגעקעהרט קיין פוילען.
נעמט אן טעגליך פון 10—1 מיטאג און פון 4—7 נ.מ.
זונטאג פון 10 ביז 1 בייטאג.

געדענקט אין די היינטיגע
אפצייכנונג
לטובת „לינת הצדק"

באנק מיט 20 מיליאן דאלאר קאפיטאל

פאר די צוועקעז פון יודישער קאלאניזאציע.

מאסקווע, 28 (י. ט. א. טעלעגראפיש). אהער זענען אנגעקומען דער לייטער פון „אגרא-דזשאינט" יוסף ראזען און דער סעקרעטאר פון ניו-יארקער דזשאינט היימאן.

זיי וועלען פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט דער סאוויעט-רעגירונג וועגען גרינדען א באנק צו שטיצען די יודישע קאלאניזאציע אין רוסלאנד, פראדוקטיוויזירען די יודען א.א.וו.

דער גרונד-קאפיטאל פון דער באנק זאל זיין 20 מיליאן דאלאר, פון וועלכע 10 מיליאן זאל געבען די סאוויעטישע רעגירונג און 10 מילאן — דער „דזשאינט.

געשטארבען א פרייהייטס-ווטעראן.

בודאפעשט, 28 (י.ט.א. טעלעגראפיש) אין עלטער פון 106 יאהר איז דא געשטארבען יעקב קון, וועלכער האט אנטייל גענומען אין די פרייהייטס-קאמפען פון 1848 יאהר.

דער פארזיצער פון ציון, קרייז-קאמיטעט אין קארפאטן-רוסלאנד

אויסגעשלאסען פון דער פארטיי.

פראג, (י.ט.א.) די טעג איז דא אפגעהאל-טען געווארען די ציוניסטישע קרייז-קאנפערענץ אין קארפאטען-רוסלאנד. אויף וועלכער עס איז בעשלאסען געווארען, אז קיין שום אונטערהאנד-לונגען וועגען וואהל-בלאקען מיט נישט-יודישע פארטייען טארען אהן דעם וויסען פון קרייז-קאמי-טעט בשום אופן נישט געפיהרט ווערען. דער פארזיצער פון ביז-איצטיגען קרייז-קאמיטעט. משה גוטמאן, וועלכער האט אויף אייגענער אחריות געפיהרט אונטערהאנדלונגען וועגען א וואהל-בלאק מיט דער טשעכישער אגראר-פארטיי איז אויסגע-שלאסען געווארען פון דער ארגאניזאציע און אויף זיין ארט איז אויסגעוועהלט געווארען ד"ר פאל-קאוויטש.

דער ערשטער יוד. אפיציר אין דער גרעניץ-שוץ פון עבר-הירדן.

ירושלים, (י.ט.א.) דער יודישער סער-זשאנט כספי איז נאמינירט געווארען אלס אפיציר פון דעם גרעניץ-שוץ-קארפוס צווישען ארץ-ישראל און עבר-הירדן. דאס איז דער ערשטער יודישער אפיציר פון דער גרעניץ-שוץ.

די שאפונג פון גרעניץ-שוץ אין יאהר 1926 אהן דעם אנטייל פון יודען האט ארויסגערופען זיינער צייט א שארפען פראטעסט מצד דעם ועד-הלאומי און האט געפונען אויך אנ'אפקלאנג אין ענגלישען פארלאמענט. די רעגירונג האט דעמאלט מיטגעטיילט, אז אין דער גרעניץ-וואך דינען 70 יודען, אבער צווישען זיי איז נישט געווען קיין איין אפיציר.

מוזולמענער וועגען כותל המערבי.

ירושלים, 28 (י.ט.א. טעלעגראפיש) דער מוזולמענישער אויבער ראט האט זיך טעלעגראפיש געווענדעט צום קעניג געארג, אז דער ענין פון כותל מערבי זאל ערלעדיגט ווערען מיט יושר.

אין דער טעלעגראמע ווערט אנגעוויזען, אז מיט 13 יאהרהונדערט צוריק האבען די מוזולמע-נער איבערגענומען פון די קריסטען און ס'ווערט גענעבען נישט צו דערלאזען, אז די יודען זאלען פערברייטערן זייער בעזיץ ביים כותל המערבי אויפ'ן חשבון פון דער אמאר-מעטשעט.

א נייע יודישע צייטשריפט אין טשעכאסלאוואקיי.

פראג, (יט"א) דער יודישער דרוקעריי-קא-אפעראטיוו אין מונקאטש „נקידה" גרייט זיך ארויס צוגעבען א יודישע געזעלשאפטליך-פאליטישע צייטונג, וואס וועט ערשיינען 2 מאל אין דער וואך. די צייטונג וועט רעדאגירט ווערען אין ציוניסטי-שען גייסט.

די נייע קהלה-פערוואלטונג אין לעמבערג.

לעמבערג, 28 (י.ט.א.) היינט זענען דא פארגעקומען וואהלען צו דער קהלה-פערוואלטונג. בעת די וואהלען האט דער נאציאנאלער בלאק בעקומען 9 שטימען. איינער פון נאציאנאלען בלאק האט געשטימט פאר די אומפארטייאישע ארטאדאקסען, איינער (התאחדות) האט אפגעגעבען א וייסען צעטעל. ס'זענען געוועהלט געווארען 5 פון נאציאנאלען בלאק, 4 פונ'ם ווירטשאפטס-בלאק, 2 אומפארטייאישע ארטאדאקסען און 1 פון דער אגודה.

פערענדיגט די ארכעאלאגישע אויסגראבונגס-ארבייטען ביי חצור

לאנדאן. (יט"א)- סער שארל מארסטאן, וועלכער פינאנסירט די ארכעאלאגישע אויסגרא-בונגס - ארבייטען פון פראפ. גערסטענג אין ארץ-ישראל, האט דערהאלטען א דעפעשע, אז די אר-בייטען ביי חצור זענען שוין פערענדיגט געווארען און פראפ. גערסטענג איז אבגעפאהרען קיין יריחו, כדי צו בעארבייטען די רעזולטאטען פון די פאר-שונגען. דער ענגלישער געלעהרטער האפט, אז איהם וועט געלונגען אויפ'ן סמך פון פערשידענע פערגלייך - פארשונגען פעסטצושטעלען די גענויע דאטע פון יציאת-מצרים.

מעמאראנדום פון „אגודת ישראל"

וועגען די געשעהענישען ביי דער כותל-מערבי.

לאנדאן. (יט"א). די עקזעקוטיווע פון דער „אגודת ישראל" ארגאניזאציע, צוזאמען מיט דעם רבני'שען וועלט-ראט פון דער „אגודה" האבען אי-בערגעגעבען דעם ענגלישען קאלאניאל - מיניסטער-יום א מעמאראנדום, אין וועלכען עס ווערט אויף א שארפען אופן פראטעסטירט געגען די געשעהע-נישען ביים כותל-מערבי.

אין מעמאראנדום ווערט צווישען אנדערען געזאגט, אז עס איז אנ'אונערהערטער סקאנדאל, דאס 10 יאהר נאך דער באלפור-דעקלאראציע זאל געשעהען עטוואס אזוינס, וואס איז נישט געשעהען אפילו בעת דער טערקישער הערשאפט אין ארץ-ישראל. די מחברים פון מעמאראנדום פאדערן, אז דאס קאלאניאל - מיניסטעריום זאל צונויפרופען א קאנפערענץ פון די פעראינטערעסירטע צדדים, כדי איינמאל צו בעשטימען, צו וועמען עס געהערט דער באדען, אויף וועלכען עס געפינט זיך דער כותל.

די טעטיגקייט פון די יוד. קרעדיט קאאפעראטיוון אין פוילען.

ווארשא. (יט"א). לויט די „סטאטיסטישע ידיעות", ארויסגעגעבען דורכ'ן פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיוו - געזעלשאפטען אין פוילען, האט די צאהל קליין-קרעדיט-קאאפעראטיוון אין פוילען, בעטראפען דעם 1. יולי 1928 — 411, מיטעל-קרעדיט - קאאפעראטיוון — 47, די קליין-קרעדיט-קאאפעראטיוון צעהלען סך הכל 159,090 מיטגלידער פון דער צאהל: 52,277 האנדווערקער, 74,415 קליינהענדלער, 12,789 סוחרים און אינ-דוסטריעלער, 6,772 פרייע פראפעסיעס, 3,536 לאנדווירטען, 9,301 פערשידענע ד. ה., אז די קליינהענדלער בילדען 46,7 פראצ. און די האנד-ווערקער 32,7 פראצ. פון דער אלגעמיינער צאהל מיטגלידער פון די קליין-קרעדיט-קאאפעראטיוון.

די מיטעל - קרעדיט - קאאפעראטיוון צעהלען סך-הכל 15,000 מיטגלידער, און בעשטעהען אויס-שליסליך פון סוחרים און פאבריקאנטען די דורכ-שניטליכע מיטגלידער - צאהל פון א קליין-קרעדיט-קאאפעראטיוו בעטרעפט 387, די דורכשניטליכע בילאנס-סומע — 195,383 זל. דאגעגען די דורכ-שניטליכע מיטגלידער-צאהל פון א מיטעל-קרעדיט-קאאפעראטיוו בעטרעפט 321, די דורכשניטליכע בילאנס-סומע 1,082,998 זל. די קליין קאאפערא-טיוועו האבען אין משך פון ערשטען האלבען יאהר 1928 ערטיילט 173,583 הלואות אויף א סומע פון 50,569,182 זל. ד. ה., אז א דורכשניטליכע הויך פון א הלואה מאכט אויס 291 זל.

די סומע פון פאיען בעטרעפט ביי די קליין-קרעדיט-קאאפעראטיוען 5,484,968 זל. און ביי די מיטעלקרעדיט קאאפעראטיוון 2,954,694 זל.

דאס געזונד פון לארד באלפור.

לאנדאן, 28 (י.ט.א. טעלעגראפיש) לארד באלפור וועלכער איז געווען קראנק אויף בראנכיט ווערט ביסלעכווייז געזונד. די דאקטוירים הייסען איהם אבער פאלשטענדיג רוהען, אזוי, אז ער וועט א לענגערע צייט נישט זיין פאליטיש טעטיג.

נאך איין עפשטיינס סקולפטור

אין דער נאציאנאלער ענגלישער גאלעריי.

לאנדאן, (י.ט.א.) א קונסט מעצענאט האט איינגעקויפט א סקולפטור פון בעריהמטען יודישען סקולפטאר יעקב עפשטיין, כדי זי שענקען דער נאציאנאלער ענגלישער קונסט-גאלעריי אין לאנדאן.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20.
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ.

גאסטראלן פון דעם אמעריקאנער סטאר בעני אדלער מיט'ן אנטייל פון די לאדזער ליבלינגע באריסאווא און ראבינאוויטש.
היינט, מאנטאג, דעם 29-טען, 9 אין אווענד לעצטע פארשטעלונג פון ב. אדלער
צו פאפולערע פרייזען פון 1 ביז 2.50 זל.
דער שפיגעלפורעבען
אין 4 אקטען מיט געזאנג פון קאלמאנאוויטש. הויפט-ראל „מאריס"–ב. אדלער.
צום שלוס וועט בעני אדלער אויפטרעטען צום 1. מאל אין פערש. רעקלאמאציעס.
עס נעהמט אנטייל (לויט א. ב) פרויען: בעזמאן, באריסאווא, מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן, קאמפאניעץ. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאטקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.
אדמינ.: מ. ארנוואלד. מוזיק. לייטונג: ל. זעלמאן. בילעטען אין פילהארמאניע-קאסע.
אנאנס! אין פארבערייטונג די גרויסע שעהנע אפערעטע מיט 25 נומ' געזאנג „חלומות פון ליבע"

Dr. med. I. WAJNBERG
CEGIELNIANA 47, tel. 26-02
אינערליכע קראנקהייטען. ספעציעל פאר לונגען-און הארץ-קראנקהייטען, בעשטראהלונגען און קינסטליכע בערג-זון. אין דערהיים פון 3–5 נאכמיטאג
צוריקגעקעהרט.

LEKARZ DENTYSTA צאהן-ארצט
St. GELBERG
זאבאדניא 15, טעל. 08-31.
היילט גאנץ פערנאכלעסיגטע ציינער- און מויל-קראנקה. צאהן-ציהונג אהן שמערצען, היילט מיט ליכט-בעשטראה-לונג, ספעציעלער לאבאראטאריום פון קינסטליכע ציינער. נעהמט אן פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

אכטונג ה"ה פריזערס!!!
צו קאנקורענץ-פרייזען
עמפפעהל איך א גרויסען אויסוואהל פון:
קעלנישע בלומען-וואסער 3.20 א קילא
וועזשעטאל 1.40 „
ברילאנטין 3.40 „
פראנצויזישער לאקיר 45 גר. א דעקא.
איך בעזיץ א רייכען אויסוואהל פון ראזיר-מעסערס, פלאטין- און שטאהל-זאכען צו פאבריקס-פרייזען. מיט אכטונג
י. דרוקער, זאוואדזקא 11.
טעלעפאן 92-75.
בעמ.: פאר ענגראסיסטען — געהעריגער ראבאט און גינסטיגע בעדינגונגען.

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al Kościuszki 27
tel. 51-78,
הויט און וועגערישע קראנקה. רענטגען און ליכט-הייל אינסט. נעמט אן פון 4 — 7 אין אוונד
צוריגעקעהרט

Dr. med.
L. Pikielny
אוראלאג
ספעציעל ארצט פאר נירען בלאזען- און הארן-קראנק.
NAWROT 8
tel. 19-90
עמפפאנגט פון 4 — 7 אוו.

Dr. med.
W. EYCHNER
גינעקאלאג-אקושער
זגערזשער 11.
טעל. 34-72
נעמט אן פון 6–8 אווענד.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקה. בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע.
האט זיך איבערגעצויגען אויף אנדזשעיא 5
נעמט אן פון 10–1 מיטאג און פון 5–9 אין אווענד.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Starszy Felczer
M. RUBINSZTEIN
מיט לאנגיעהריגע פריוואט- און שפיטאל-פראקטיק
האט זיך בעזעצט אין לאדז
Wschodnia 57, tel. 78-12
ערטיילט הילף אין אלע קראנקהייטס-פאלען.

Akuszerka i Masażystka
F. RUBINSZTAJN
מיט לאנגיעהריגע פריוואט- און שפיטאל-פראקטיק אין קראקאווער שפיטאל św. Łazarza, מיט א גע-ענדיגטען הידראפאטישען קורס אין סאנאטאריום פון ד"ר קופטשיק, האט זיך בעזעצט אין לאדז, ווסכאדניא 57, טעל. 78-12. נעמט-אן צו יעדער צייט.

PORADNIA
WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקהייטען און מענער-שוועכע. אנאליזען פון בלוט און אויס-פלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסי-ליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגישע און נערוועו-קראנקהייטען.
קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד. זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נ"מ. בעזונדערע ווארטע צימער פאר פרויען.
וויזיט 3 זל.

שרייבמאשין-ביורא (?)

„נייער פאלקסבלאט“

לאדז. 29 אקטאבער 1928

10 יאהר טשעכאסלאוואקיע.

די טשעכאסלאוואקישע רעפובליק פייערט איצט דעם צעהן־יעהריגען יובילעאום פון איהר אומאפהענגיגקייט. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט איז כדאי צו בעמערקען דעם העלדישען און אפפערוויליגען קאמף פאר זעלבסטשטענדיגקייט, וועלכען ס'האט אדורכגעפיהרט דאס טשעכישע פאלק.

די וועלט־מלחמה איז נאר געווען דער קרוין פון ערפאלג פאר דער גרויסער ארבייט פון גאנצען פאלק דורך א לאנגער צייט.

טשעכיען איז געווען אין דער פערהעלטניס־מעסיג גוטער לאגע וואס דאס לאנד איז געווען נישט צוטיילט נאר אונטער איין אקופאציע. אבער דער דאזיגער אקופאנט האט איינגאנצען פערניכטעט די טשעכישע קולטור, האט גערמאניזירט די דערפער, און שטערט און מיטאמאל האט זיך דאס טשעכישע פאלק ארומגעזעהען, אז ס'האט נישט קיין שפראך, נישט קיין ליטעראטור — אט די צוויי מעכטיגע פאקטארען, וועלכע זענען בכוח אפצוראטעווען א פאלק פון פולשטענדיגען פאלען.

דאס ווידעראויפבויען פון טשעכיען האט געדארפט אנגעהויבען ווערען פון סאמע אנהויב, פון דארפס־מענש, פון די געוועהנליכע „סעדלאקעס“, וועלכע האבען זיך אקעגענגעשטעלט די דייטשען דורך דעם, וואס זיי זענען אין דער נשמה געבליבען טשעכען.

און ס'איז געשעהן א וואונדער. ווען צום סוף פון 18־טען יאהרהונדערט איז נאך נישט געווען קיין סימן פון נאציאנאלער טשעכישער בעוועגונג איז שוין אין די 70־ער יאהרען פון 19־טען יאהרהונדערט דער ענין געשטאנען אזוי ווייט, אז פאלאצקי האט שוין פאראויסגעזעהען דאס צעפאלען זיך פון עסטרייך־אונגארן, און רינער האט אין טאג, ווען ס'איז אויסגעבראכען די דייטש־פראנצויזישע מלחמה, איבערגעגעבען דעם קייזער נאפאלעאן דעם דריטען א מעמאריאל וועגען דער אומאפהענגיגקייט פון דער טשעכישער מלוכה

דאס איז געווען א פריהצייטיגע ארויסטרעטונג אבער ס'איז א פאקט, אז די טשעכען האבען זיך דעמאלט שוין געפיהלט פעהיג צו א זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ. ווער שמועסט שוין וועגען די מיטעלדיגע יאהרצעהנדליגער, וועלכע האבען צוגעפיהרט דאס טשעכישע פאלק צו א פולשטענדיגער אויפבליהונג פון ציוויליזאציע און קולטור. שוין צום סוף פון 19־טען יאהרהונדערט האבען די טשעכישע בילדונגס־, קולטורעלע, ווירטשאפטליכע, ספארט און ארטיסטישע ארגאניזאציעס דרייסט געקענט קאנקורירען מיט ענליכע ארגאניזאציעס פון זעלבסטשטענדיגע מלוכות. די טשעכישע אינטעליגענץ האט דערביי צוגעגעבען דעם פאלק א דורכאויס דעמאקראטישען און מאדערנעם כאראקטער.

אין ערשטען צעהנדליג יאהר פון דער טשעכישער אומאפהענגיגקייט זענען אויס די צוויי געוועזענע אוניווערזיטעטען אין פראג, ענטשטאנען נאך צוויי נייע: א טשעכישע אין ברין און א סלאוואקישער אין בראטיסלאווא. א חוץ דעם פערברייטערען זיך די אלטע און שטעהען אויף נייע פאליטעכניקומס און אקאדעמיעס. דאס לאנד פערמאגט א גרויסע און פונאנדערגעשפרייטע שול־נעץ. עס וועט גענוג זיין צו דערמאנען, אז אין יאהר 1918, האט דער ביודזשעט פון בילדונגס־מיניסטעריום בעטראפען 112 מיליאן קראנען און אין יאהר 1918, —893 מיליאן קראנען. ס'איז אדורכגעפיהרט געווארען די אגראר־רעפארם, איינגעפיהרט געווארען ד' יבדייטסטע ארבייטס־געזעצגעבונג. דאס גאנצע לאנד איז דורך דער צייט עלעקטריפיצירט געווארען

דאס אלץ גיט דעם לאנד א קולטורעלע, רייכען, און מאנכעס מאל אימפאנירענדען אויסזעהן.

דאס זעלבע קען מען אויך זאגען וועגען דער ווירטשאפטליכער אנטוויקלונג פון טשעכיען. די טשעכאסלאוואקישע רעפובליק האט זייט 4 יאהר אן אקטיווען האנדעלס־בילאנס. די סאלדא האט אין יאהר 1927 בעטראפען 2.188 מיליאן קראנען. אין יאהר 1923 זענען געווען 321 טויזענד ארבייטסלאזע, איצט בעטרעפט די צאהל 32 טויזענד. אין יאהר 1919 זענען געווען 605 אקציען־געזעלשאפטען מיט א קאפיטאל פון 2 און א האלב מיליארד קראנען, איצט זענען פאראן 1279 אקציען־געזעלשאפטען מיט 7 און א פערטעל מיליארד קראנען. מיט איין ווארט, די טשעכאסלאוואקישע רעפובליק האט זיך מיט וואס צו ריהמען.

די צעהן יאהר אומאפהענגינקייטס־ארבייט זענען נישט געגאנגען לאיבוד.

ק.

Dr. H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 25, טעל. 26-87
ספעציעל ארצט פאר הויט און ווענערישע קראנקהייטען, מענער־שוועכע, אלע ארט אנאליזען, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען.
בעמט אן פון 8–10 פריה, 12–2 נ.מ. און פון 4–8 אוו.

דער אויפבליה און דער אונטערגאנג.

צום 10-יעהריגען יובל פון דער יודישער נאציאנאלער פערזאמלונג פון אוקראינע.

געשפרעך מיט וו. לאצקי-בערטאלדי.

דעם 2־טען נאוועמבער ה. י. ווערט 10 יאהר, זייט עס האט זיך אין קיעוו פערזאמעלט די יודישע נאציאנאלע פערזאמלונג פון אוקראינע, וועלכע האט געהאט די אויפגאבע אויפצובויען דאס לעבען פון אוקראינער יודענטום אויף די מאדערנע יסודות פון דעמאקראטישע קהלות, און נאציאנאל־קולטורעלער אויטאנאמיע.

דער פרעזידיום־מיטגליד פון דער נאציאנאלער פערזאמלונג און געוו.מיניסטער פאר יודישע ענינים אין אוקראינע ה' לאצקי־בערטאלדי האט אין א געשפרעך מיט א פארשטעהער פון דער יודישער טעלעגראפען־אגענטור געשילדערט דעם אנהויב און דעם סוף פון דער נאציאנאלער פערזאמלונג אויף פאלגענדען אופן:

די יודישע נאציאנאלע פערזאמלונג איז געווען א גרויסע קראפט־דעמאנסטראציע פון אוקראינישען יודענטום פאר דער קאטאסטראפע פון די פאגראם־יאהרען 1919־1920, וועלכע האט ארונטערגעשליידערט די אוקראינער יודען פון זייער קולטור־געזעלשאפטליכער הויך אין די טיפענישען פון'ם אפגרונד.

ווער עס איז געזען עדות פון דער דאזיגער נאציאנאלער פערזאמלונג האט זיך געמוזט חידוש'ן איבער'ן גרויסען רעזערוואר פון שעפערישער קראפט, וואס איז געווען בעהאלטען אין אוקראינער יודענטום און האט זיך דא ענטפלעקט. סיי די אנטיילנעהמער און סיי די צושויער (צוליב דער מאסע צושויער האט מען געמוזט אפדינגען דעם גרעסטען בנין פון קיעוו, דעם צירק בערגאניע, וועלכער געהמט אריין ביז 10,000 פערזאן). זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דער גרויסער נאציאנאלער חשיבות פון היסטארישען מאמענט. דאס גאנצע רוסישע יודענטום האט דעמאלס געקוקט אויף די אוקראינער יודען, ווי אויף דעם פאראווערטס־טרייבענדער קראפט פון גאנצען יודישען קיבוץ אין רוסלאנד. א כאראקטעריסטישער שטריך פון דער נאציאנאלער פערזאמלונג איז געווען, וואס זי האט פערמאגט דעם כח צו פעראייניגען די עקסטרעם־רעכטע מיט די עקסטרעם־לינקע עלעמענטען אין יודענטום.

מען האט דארט געזעהן דאס אויבערשטע פון שטויסעל. טאלאנטפולע פארשטעהער פון דער אוקראינישער ארטאדאקסיע, וועלכע האט דורך איהר ערשיינען, דורך איהר גלענצענדער רעפרעזענטאנץ. דורך דער פאליטישער רייפקייט און וואונדערבארער רעדנער־קראפט פון איהרע פיהרער איבערראשט דעם גאנצען יודישען עולם. דא האט מען זיך געקענט איבערצייגען, אז די ארטאדאקסיע פון אוקראינער יודענטום איז נישט קיין פערגליווערטע קראפט, און זי פאסט זיך צו צום גייסט פון דער נייער צייט און שטרעבט זיך איינצוגלידערען אין גרויסען שאפונגס־פראצעס, וואס האט דעמאלט ארומגענומען דאס גאנצע יודענטום.

(ספעציעל פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט“)

פון דער אנדערער זייט האט מען געקענט בעמערקען טאלענטפולע פארשטעהער פון די עקסטרעם־לינקע, וועלכע האבען דערנאך געשפילט א גרויסע ראל אין פערשפרייטען דעם קאמוניזם, ווי למשל, אברהם חפץ, וואס איז שפעטער געווארען עמיסאר פון רוסלאנד און דער טרייבענדער גייסט פון אלע קאמוניסטישע פוטשען אין דייטשלאנד. און דאך איז דער נאציאנאלער כישוף פון דער פערזאמלונג געווען אזוי גרויס, אז סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס האט מען געבויגען דעם קאפ פאר איהר אויטאריטעט. אין פרעזידיום פון דער נאציאנאלער פערזאמלונג זענען אויסגעוועהלט געווארען דער נישט־לאנג פערשטארבענער זל. טיאמקין, אוסישקין, וו. לאצקי־בערטאלדי און אנדערע.

דער ערשטער בעדייטענדער אויפטו פון פרעזידיום איז געווען די בעפרייאונג פון דעמאלסדיגען בונדישען פיהרער און איצטיגען בעוואוסטען קאמוניסט ראפעס, וועלכער איז אויך שפעטער ערשינען אויף דער פערזאמלונג און איז הארציג בעגריסט געווארען פון די אנוועזענדע.

די נאציאנאלע פערזאמלונג האט פאר דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ אויסגעארבייט סטאטוטען פאר די קהלות און א קאנסטיטוציע פון א יודישער נאציאנאל־קולטורעלער אויטאנאמיע, וועלכע האט געהאט שאנסען אנגענומען צו ווערען. דאס איז געווען אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע, ווען עס האט געוועלטיגט דער העטמאן סקאראפאדסקי. די ווייטערדיגע געשעהענישען האבען א דרעה געטון דעם ראד פון דער געשיכטע אין גאר אן אנדער ריכטונג: העטמאן סקאראפאדסקי האט בעפרייט פון תפיסה פעטלורא, וועלכער האט נאכ'ן אוועקגעהן פון די דייטשען אין איין צייט געפיהרט צו אן אויפפלאקער פון דער אוקראינישער נאציאנאלער פרייהייטס־בעוועגונג פון דער אוקראינישער פאלקס־רעפובליק און פון א פאגראם־פייער, וואס האט זיך צוגאסען איבער דאס גאנצע אוקראינישע יודענטום און פערברענט אלע זיינע האפנונגען.

די אוקראיניש־יודישע נאציאנאלע בעוועגונג איז אבער נישט געבליבען אהן פאלגען, די נאציאנאלע פערזאמלונג האט אויסגעקליבען א דעלעגאציע, וועלכע איז ארויסגעפאהרען קיין אויסלאנד און האט צוזאמען מיט יודישע דעלעגאציעס פון אנדערע לענדער אנטיילגענומען אין די פערהאנדלונגען מיט דער ווערסאילער פרידענס־קאנפערענץ וואס האבען געפיהרט צו די בעקאנטע פראטאקאלען וועגען די מינאריטעטען־רעכט.

יודישער שול־וועזען, יודיש טעאטער, וואס בעצויבערען איצט אייראפע, האבען געשעפט זייער יניקה פון דער דאזיגער נאציאנאלער בעוועגונג, וואס האט זיך מיט אזא קראפט און רייכטום ענטפלעקט אין אוקראינע.

דער ביישפיל פון אוקראינע האט געווירקט אויף אלע אנדערע לענדער. די יודישע קולטור־בעוועגונגען אין פוילען, ליטע, לעטלאנד א. א. געפינען זיך אין א גייסטינען און היסטארישען צוזאמענהאנג מיט דער יודישער נאציאנאלער בעוועגונג אין אוקראינע, וועלכע האט דערוויזען, אז די אוקראינישע יודען קענען נישט נאר ליידען, נאר אויך שאפען און בויען. די נאציאנאלע פערזאמלונג האט געהאט אויסגעקליבען א סעקרעטאריאט וועלכער האט געקעמפט פאר די יודישע נאציאנאלע רעכט נאכ'ן שטורץ פון העטמאן סקאראפאדסקי, אונטער'ן רעזשים פון פעטלורא. אבער דא האט זיך שוין דער סעקרעטאריאט געמוזט פערוואנדלען פון אן ארגאן פון יודישער נאציאנאל־קולטורעלער אויטאנאמיע אין א נאציאנאלען שתדלן ביי די אוקראינישע מאכט־האבער, וועלכע האבען אנגעהויבען פיהרען זייער פאגראם־פאליטיק נעגען יודען.

דער סעקרעטאריאט האט געמוזט ווערען א רעגיסטראציע־ביורא פאר די כוואליעס פון פאגראמען, ארגאניזירען פראטעסט־פערזאמלונגען און שיקען פראטעסט־דעלעגאציעס צו די אוקראינישע פיהרער, אנב האבען די פאגראם־מאטעריאלען, וועלכע זענען טיילווייז נעזאמעלט געווארען פון סעקרעטאריאט געדינט אלס בעשולדיגונגס־מאטעריאל נעגען פעטלורא און האבען בעגרינדעט די בעפרייאונג פון שווארצבארד. עס האט זיך שוין מעהר נישט געהאנדעלט וועגען קולטור ־ ארבייט, נאר וועגען קאמף פאר לעבען און טויט. ימים פון יודיש בלוט האבען פערפלייצט און חרוב געמאכט נישט נאר די יודישע אויטאנאמיע, נאר אויך דאס אוקראינישע יודענטום בכלל. (יט"א).

די יודישע מאסקווע מיט 40 יאהר צוריק

א קאפיטעל „בלעטער פון מיין לעבענסבוך“.

פון ראובן בריינין.

דער פונדאמענט פון דער יודישער געמיינדע אין מאסקווע, איהרע ערשטע געזעצליכע בעגרינדער זענען געווען די ניקאלאיעווסקי סאלדאטען, ד. ה., די, וועלכע האבען צעהנדליגער יאהרען געדינט דעם קייזער ניקאלאי דעם ערשטען. דאס זענען געווען אייזערנע יודען, וואס האבען פיל געליטען אלס יודישע סאלדאטען אין די סיבירישע גובערניעס, דורכגעגאנגען די שבעה מדורי גיהנום. נישט ווייניג פון זיי זענען געווען פון די אמאליגע קאנטאניסטען, ד. ה., אזעלכע, וואס די „כאפערס“ האבען זיי אלס מינדעריעהריגע קינדער ארויסגעריסען מיט גוואלד פון די פערצווייפעלטע עלטערן, אדער קינדער וועלכע זענען געווען הפקר אלס יתומים, און מען האט זיי אפגעגעבען אין סאלדאטען. אין די ווייטע, קאלטע, רוסישע גובערניעס, וואו עס האט זיך נישט געפונען א יוד אויף א רפואה, האט מען די ארויסגעכאפטע יודישע קינדער גענויט און געצוואונגען, אנגעווענדעט אינקוויזיציאנס־מיטלען, זיי זאלען זיך שמד'ען, נאר די שטארקסטע, די איינגע'עקשנ'טע קינדער האבען אלע ענוים איבערגעטראגען, אלע צרות אויסגעשטאנען און געבליבען יודען.

איך האב געקענט אין מאסקווע פיל פון די אלטע ניקאלאיעווסקי סאלדאטען, וואס האבען פערנומען א פלאץ אין דער יודישער קהלה. דאס זענען געווען שטארקע, פעסטע יודען. עמי־הארצים, וועהר ווייניג געוואוסט פון יודישקייט, קוים עברי, קוים דאווגען געקענט, אבער דאס, וואס זיי האבען געוואוסט און געדענקט פון יודישקייט, אין זייערע קינדערשע יאהרען, דאס, וואס זיי האבען אמאל געזעהן ביי זייערע עלטערן אין הויז — אין דעם אלעם האבען זיי זיך געקלאמערט מיט אן אייזערנעם ווילען און שטארק אפגעהיט. זיי האבען שטרענג אפגעהיט שבת, ווי אין די אמאליגע יודישע שטעטלעך, כמעט נישט איינער פון זיי האט געהאלטען אפען אום שבת זיין קראם אדער געשעפט; אפילו די ארימסטע פון זיי האבען נישט געהאנדעלט אויפ'ן „טאלקוטשי רינאק“ (אויפ'ן אלטווארק־מארק) נישט שבת און נישט יום־טוב, זיי האבען שטרענג אפגעהיט כשרות און טרייע אנהענגער געווען פון זייערע גע־דונגענע שוהלען און מנינים. זייערע קינדער האבען זיי געגעבען אין אלטמארישע חדרים, צו לערנען יודישקייט אויפ'ן אלטען שטייגער. נאך אין מיין צייט האב איך געפונען אין מאסקווע פיל אלטמארישע חדרים, ווי זיי ווערען נאך געשילדערט ביי פרץ סמאלענסקין'ן און מענדעלע מוכר ספרים.

די ניקאלאיעווסקי סאלדאטען האבען געהאט זייערע איינענע שוהלען, שטרענג „ארטאדאקסישע“; פלעגען קומען אויך אין די וואכענטעג צו דאווענען ותיקין איידער זיי געהען עפענען די קראמען און האנדלען אויפ'ן „טאלק וטשיהינאק“. צו זיי פלעגען קומען מגידים פון די יודישע פראווינצען, און שבת נאכמיטאג זענען געווען זייערע שוהלען געפאקט, זיי האבען געהאט אויך רביים, וואס פלעגען פאר זיי זאגען שבת פארנאכט עין יעקב אדער מדרש.

די ניקאלאיעווסקי סאלדאטען האבען גערעדט א הארטען יודיש, מיט אן עכט־רוסישען אקצענט, יודיש געמישט מיט עכט־רוסישע ווערטער און אויסדרוקען. זיי האבען צעהנדליגער יאהרען פון זייער דינסט אלס סאלדאטען אין די אינערליכע רוסישע גובערניעס קיינמאל נישט געהערט א יודיש ווארט. דאך איז ביי זיי יודיש געווען טייער, כמעט הייליג. וואו זיי האבען נאר געקענט, האבען זיי גערעדט דוקא יודיש. עס איז זיי שווער אנגעקומען צו רעדען יודיש, אבער דאך נישט גוי'איש.

דער גרעסטער טייל פון זיי איז בעשטאנען פון פראסטע, עהרליכע מענשען, עהרליכע סוחרים, עהרליכע קרעמער און איבערגעגעבענע יודען. זיי פלעגען העלפען זייערע ארימע קרובים אין די יודישע שטעדט און געבען פיינע נדבות, נאך די בעגריפען פון יענער צייט, צו די, וואס זענען דאס געקומען בעטען. א יודען א טובה טון, א גמילות חסד, אדורכ'ראטעווען א יודען פון פאליצייסקי־הענד, ווען ער האט קיין וואוינונגס־רעכט נישט געהאט, אדער פריון שבוים, בעפרייען א יודען פון תפיסה, ווען ער איז אומשולדיג געזעסען (פאלען, וואס האט נישט זעלטען פאסירט אין מאסקווע) — דאס אלץ האבען זיי פערעכענט פאר א גרויסער מצוה און שטארק אפגעהיט אזעלכע מצוות, און אפילו דאס האט זיי געקאסט נישט ווייניג געלד און מיה.

זיי האבען געהאט גרויס דרך־ארץ פאר א תלמיד־חכם, זייענדיג אליין עמי־הארצים, האבען זיי, זעלבסטפערשטענדליך, נישט געקענט אונטערשיידען אן אמת'ען תלמיד־חכם פון א שווינדלער, וואס האט זיך פערמאסקירט אלס כלי קודש. נישט זעלטען האט מען זיי טאקע גראב אפגענארט.

די קינדער פון די ניקאלאיעווסקי סאלדאטען (זייער צאהל איז אין מיין צייט געווען איבערוועגענד אין מאסקווע) האבען שוין שטודירט, בעזוכט מיטעלשולען און הויך־שולען. אנדערע האבען געשיקט זייערע קינדער אין די ישיבות פון תחום־המושב.

איך האב געקענט געוויסע זיהן פון ניקאלאיעווסקי סאלדאטען, וואס האבען געקענט גוט לערנען. ד. ה. גוטע תלמודיסטען; אויך אזעלכע, וואס האבען דערווארבען זייער תלמודישען וויסען אין מאסקווע זעלבסט, ביי זייערע עלטערן צו הויז, וואו מ'האט פאר זיי געהאלטען מלמדים פון אלטען שניט, גוטע תלמודיסטען און יראי שמים.

די ניקאלאיעווסקי סאלדאטען זענען געווען צו הויז זעהר שטרענגע פאטערס און מענער; זיי האבען געפאדערט אן אייזערנע דיסציפלין פון זייערע קינדער און הויזגעזינד.

איך האב געקענט אזעלכע הייזער, וואו די פאטערס האבען געפאדערט פון זייערע זיהן, סטודענטען, דאקטוירים, און ד. ג., זיי זאלען ערב יום כפור שלאגען כפרות, דרעהען דעם האן ארום קאפ און זאגען זה חליפתי... זה כפרתי... און די קינדער, פערשטעהענדיג די נארישקייט דערפון, ווייסענדיג, אז כפרות איז נישט יודיש, אז עס איז פאראן אין דעם דרכי האמורי, געצענדינעריי, דאך האבען זיי געמוזט נעגען זייער ווילען דרעהען די כפרות ארום דעם קאפ גלייך מיט די עלטערן.

(ענדע פון 3־טע זייט)

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

29
מאנטאג
—
טו
תרפ"ט תשרי

אקטאבער
זון-אויפגאנג 6.21
זון-אונטערגאנג 4.22

רעכט אויף ארבייט!

פאר יודישע ארבייטער מוז מען עפענען די טויערען אין די פאבריקען.—די פוילישע פראפ. פעראיינען טארען נישט דערלאזען די שטרייקען פון די פוילישע ארבייטער, ווען א יודישער ארבייטער קומט אריין אין פאבריק. — יודישע פאבריקאנטען מוזען שטעלען א ענערגישען ווידערשטאנד די שטרייקען וואס צילען נישט צודערלאזען יודישע ארבייטער אין פאבריקען.

מיר האבען שוין דערצעהלט וועגען דעם סכסוך וואס איז אויסגעבראכען אין א רייה פאבריקען צווישען פוילישע ארבייטער און דער ארמיניסטראציע צוליב דעם, וואס די ארמיניסטראציע האט צוגענומען אויף נייע קאטאן-מאשינעס עטליכע יודישע ארבייטער.

ווי עס שטעלט זיך ארויס, האבען די פיהרער פון „ארט" פערשטאנען זייער אויפגאבע. זיי האבען ריכטיג אפגעשאצט, אז אין דעם פאל האנדעלט זיך נישט נאר וועגען איין אדער צוויי ארבייטער, נאר עס האנדעלט זיך וועגען א פרינציפ פון „רעכט" אויף ארבייט. אין דער איצטיגער צייט, ווען די יודישע ביז-איצטיגע פרנסות גליטשען זיך ארויס פון די יודישע הענד, איז נויטיג, כדי צו שאפען א עקזיסטענץ-מעגליכקייט פאר די יודישע לופט-מענשען — זיי צו פראדוקטיוויזירען.

מ'דארף אויסלערנען די יודישע יונגע-לייט ארבייטען, און וואס ס'איז דאס וויכטיגסטע, אויך אריינפיהרען זיי אין דער פראדוקציע, שאפען פאר זיי בעשעפטיגונג אין זייער נייעם פאך.

ווי בעקאנט, האט דער היגער „ארט" אין זיינע לערן-ווארשטאטען עטליכע קאטאן-מאשינען, אויף וועלכע ס'לערנען זיך ארבייטען יודישע יונגע לייט. עטליכע האבען שוין פערענדיגט דעם קורס און אזוי ווי די קאטאן-מאשינען ווערען דא ערשט איצט איינגעפיהרט אויפסניי, זענען נישט פארהאן קיין צופיל ארבייטער. לערנען די קריסטליכע ארבייטער זייערע פריינד, בעקאנטע א. אז. וו.

אויף עטינגאנס נייער פאבריק, וואו ס'זענען איינגעשטעלט געווארען א גרעסערע צאהל קאטאן מאשינען, איז צוגענומען געווארען א יודישער ארבייטער, וועלכער האט גענדיגט די קורסען פון „ארט", האבען די פוילישע ארבייטער פערשטרייקט, און געפאדערט איהם צו בעזייטיגען. די ארמיניסטראציע איז אויף דעם נישט מסכים געווען צוליב א גאנצער רייה סיבות; די מיטארבייטער פון „ארט", צוליב ריין-יודישע מאטיווען, די אנדערע — צוליב זאכליך-געשעפטליכע.

אין לאדז זענען פארהאן איצט אנ'ערך צוואנציג זאקען-פאבריקען, וואו ס'זענען איינגעפיהרט געווארען די קאטאן-מאשינען. צווישען די פאבריקאנטען זענען פארהאן א 5—6 אויף נישט-יודישע. אבער אויך די נישט-יודישע פאבריקאנטען האבען איינגעזעהען, אז דעם ווילקיר פון די פוילישע נאציאנאליסטישע ארבייטער טאר מען נישט נאכגעבען, און אז אויב מ'וועט נאכגעבען אין דעם פאל מיט יודען וועט מארגען זיין מיט דייטשען און איבערמארגען וועלען די ארבייטער פערלאנגען, אז מען זאל יענעם ארבייטער נישט צולאזען צו דער ארבייט, ווייל ער איז אזוי אדער אנדערש געשטימט, א. אז. וו., דאס וואלט אריינגעטראגען גרויסע שוועריגקייטען אין דער ארמיניסטראציע.

אין דער פאבריק פון פוצמאן אויף דער ושעלאגא האבען די פוילישע ארבייטער פערלאנגט, מ'זאל נישט צולאזען צו דער ארבייט צוויי יודען און א דייטש. דער סכסוך האט געדויערט דריי טאג און דער פאבריקאנט האט נאכגעגעבען. אין דעם פאך, ווי געזאגט איז א מאנגעל אין קוואליפיצירטע ארבייטער, דעריבער האבען די קלענערע פאבריקאנטען מורא, אז אויב די ארבייטער וועלען ביי זיי ווארפען די ארבייט, וועלען זיי באלד אנגענומען ווערען דורך אנדערע. די פאבריקאנטען האבען זיך דעריבער געגענזייטיג פערפליכטעט, אז ארבייטער, וועלכע וועלען פערשטרייקען, פאדערענדיג, נישט אריינצולאזען צו דער ארבייט אנדערע ארבייטער, וועלען דורך זיי אין פערלויף פון א בעשטימטער צייט נישט אנגענומען ווערען. ווען די ארבייטער האבען זיך וועגען דעם דערוואוסט, האבען זיי נאכגעגעבען און זענען ביי דער פירמע עטינגאן שוין צוגעטראטען צו דער ארבייט.

דער דאזיגער גינסטיגער אויסגאנג פון דעם סכסוך, ביי וועלכען די טוער פון „ארט" האבען [illegible] בעדייטונג. דורכדעם ווערט געשאפען פאר פיל יודישע ארבייטער א צוטריט צו א נייעם פאך און פרינציפיעל ווערט אין א געוויסער מאס, גינסטיג געלעזט די פראגע פון רעכט אויף ארבייט, ווי עס פאסט זי אויף „ארט" און ווי זי דארף באמת בעטראכט ווערען.

צוזאמענפאהר פון קרעדיט-געזעלשאפטען.

(ה) אויפ'ן סמך פון א פעראָרדנונג פון מלוכה-פרעזידענט דארפען אלע געזעלשאפטען פאר לאנגטערמיניגען קרעדיט קאארדינירען זייערע סטאטוטען און ביז צום 31 דעצעמבער צושטעלען דעם פינאנץ מיניסטער א סטאטוט צוגעפאסט צו די נייע פעראָרדנונגען.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם איז לויט דער איניציאטיוו פון דער לאדזער קרעדיט-געזעלשאפט צוזאמענגערופען געווארען א קאנפערענץ פון אלע קרעדיט-געזעלשאפטען אין קאנגרעס פוילען. צו דער קאנפערענץ זענען געקומען פערטרעטער פון לאדז, ווארשא, קאליש, פעטריקאוו, טשענסטאכאוו, קעלץ, ראדאם, לובלין, פלאצק און ווילנא. אלס ספעציאליסטען אין פראגען פון היפאטעקען-קרעדיט, זענען צו דער קאנפערענץ איינגעלאדען געווארען משה העלמאן און אינזש. מאלעווסקי.

די קאנפערענץ האט געעפענט דירעקטאר גאיעוויטש אלס פארזיצער איז אויסגעוועהלט געווארען ה' ליביצקי (ווארשא) און אלס בייזיצער בושאסקי (קאליש) לעוויצקי (לאדז) די קאנפערענץ האט געדויערט צוויי טאג — שבת און זונטאג. צווישען די הויפט-פונקטען מיט וועלכער די קאנפערענץ האט זיך בעשעפטיגט איז געווען די פראגע, ווי אזוי צוציהען אויסלענדישען לאנגטערמיניגען קרעדיט.

צו דעם צוועק האט ווארשא פארגעשלאגען, אז פאר די פאנד-בריף זאל געשאפען ווערען אנ'איינהייטליכער קורס, זיי זאלען אלע גלייך פערצינזט ווערען א. אז. וו. כדי צו פאפולאריזירען די פאנד-בריף און אויפצוהויבען זייער קורס ביז צום נארמאלען, איז בעשלאסען געווארען זיך צו ווענדען צו דער רעגירונג צו פעראָרדנען אנצונעהמען די פאנד-בריף אלס קויציע אין אלע רעגירונגס-אינסטיטוציעס צוגלייך מיט רעגירונגס-פאפירען. ס'איז געוועהלט געווארען א קאמיסיע (פערטרעטער פון ווארשא, לאדז, קאליש) וועלכע זאל די וואונשען פארשטעלען דעם פינאנץ-מיניסטער. ווייטער איז כדי צו פערגרעסערען די בוי-בעוועגונג, בעשלאסען געווארען ארויסצוגעבען הלואות אויך אויף הייזער, וועלכע מ'הויבט ערשט אן צו בויען. ביז איצט פלעגען אזעלכע הלואות ארויסגעגעבען ווערען נאר אויף אויסגעפערטיגטע הייזער.

ביי דער פראגע וועגען שאפען נייע קרעדיטען איז געמאכט געווארען א פארשלאג, אז אלע פאנד-בריף זאלען פעראיינהייטליכט ווערען, אזוי צ. ב. ביז איצט זענען די לאדזער און ווארשאווער — 8 פראצענטיגע, לובלינער — 10 פראצענטיגע; די פאנד-בריף זענען אויף אומלויף-זלאטעס, בעת די באנק גאספאדארסטווא קראיאוועגא גיט ארויס איהרע אפליגאציעס אויף גאלד וואלוטע. דאס דריקט דעם קורס פון די פאנד-בריף, כדי געגענצווירקען דעם אומשטאנד איז פארגעשלאגען געווארען פון אלע קרעדיט-געזעלשאפטען שאפען איין צענטראלע אין ווארשא, און די אלע אנדערע זאלען פערוואנדעלט ווערען אין עקספאזיטורען.

געגען דעם דאזיגען פארשלאג איז ארויסגעטראטען ה' העלמאן, ער האט אנגעוויזען, אז די איצטיגע טענדענץ פון אלע ווירטשאפטליכע קערפערשאפטען איז דוקא — רעצענטראליזאציע אגב ענטשפרעכט עס אויך די טענדענצען פון דער רעגירונג. ס'איז אויך נישט מעגליך איבערצובויען די פאנד-בריף אויף גאלד-וואלוטע, ביז די הכנסה פון די פאנד בריף בעזיצער איז אויסגעשטעלט אין אומלויף זלאטעס. ער האט דעריבער פארגעשלאגן אנ'אנדער אויסוועג: אז ווארשא זאל געשאפען ווערען א נייע אפליגאציע באנק, אין וועלכער ס'זאלען זיך בעטייליגען אלע קרעדיט-אינסטיטוציעס. אלס באזיס פאר די אפליגאציעס זאלען דינען די פאנד-בריף פון די בעזונדערע קרעדיט-געזעלשאפטען; די אפליגאציעס זאלען ארויסגעגעבען ווערען נאר אויף 50 פראצ. אזעלכע אפליגאציעס וועלען קענען אויך פעסטגעשטעלט ווערען אין גאלד וואלוטע, וועלען זיין זיכער, שאפען צוטרוי צו זיך און וועלען קענען קאטירט ווערען אויף די אויסלענדישע בערזעס, אלס איינהייטליכע אפליגאציע פון אלע קרעדיט-פעראיינען.

נאך אנ'אויספיהרליכען וכוח איז דער דאזיגער פארשלאג אנגענומען געווארען אלס א גרונדלאגע. ס'איז געוועהלט געווארען א קאמיסיע מיט פערטרעטער פון ווארשא, לאדז, פעטריקאוו און ווילנא, וועלכע זאל צוזאמען מיט'ן פארשלאג-שטעלער אויסארבייטען ביז צום 1. יאנואר א גענויעם פלאן פון דער צענטראלער באנק פאר לאנגטערמיניגען קרעדיט.

נאכדעם איז אנגענומען געווארען אויך א צווייטער פארשלאג פון ה' העלמאן, אז די קאנפערענץ זאל זיך ווענדען צו דער רעגירונג מיט א פארשלאג צו שאפען א קאמער פאר אלע טיפען פון אינסטיטוציעס פאר לאנגטערמיניגען קרעדיט-שטעטישען און דארפישען. כדי צו קאארדינירען די רעגירונגס-טעטיגקייט איבער ביידע טיפען קרעדיט-אינסטיטוציעס.

צום סוף איז בעשלאסען געווארען, אז די קאנפערענצען זאלען פארקומען נישט וועניגער ווי 2 מאל א יאהר, יעדעס מאל אין אנ'אנדער שטאט.

—=:§:=—

פערזאמלונג וועגען צאהלען דעם חוב, דער פאמיליע פון הרב מייזעל זצ"ל.

(–) נעכטען איז אין דער ווילקער שוהל (זאכאדניא 56) פארגעקומען א פערזאמלונג פון עטאט-צאהלער וועגען אויסצאהלען דעם חוב דער פאמיליע פון געוועזענעם לאדזער רב ר' אליהו חיים מייזעל זצ"ל.

צו דער פערזאמלונג איז געקומען א גרויסער עולם. ה' יוליאן וואלף עפענט די פערזאמלונג און גיט איבער די געשיכטע פון דעם ענין. נאך דעם 17-טען סעפטעמבער 1917 י. איז אין דער קהלה פארגעקומען א פערזאמלונג אונטער'ן פארזיץ פון ה' זאלף דאבראניצקי אויף וועלכער ס'זענען אנוועזענד געווען די אלע דעמאלסדיגע דאזארעס און פיל אנגעזעהענע לאדזער בירגער. צווישען זיי הרב לצעווניאן פון ווארשא, די ה"ה משה העלמאן, טוביה ביאלער, י. מ. וואדיסלאווסקי, מ. קראסוצקי, נ. שווארץ א. אנד. נאך די פערהאנדלונגען מיט די רבנים איז בעשלאסען געווארען אויסצוצאהלען דער פאמיליע פונ'ם רב 30.000 רובל. דאס איז אבער ביז איצט נישט געשעהן.

נאך דער איינלייטונג ווערט געוועהלט א פרעזידיום פון די ה"ה אברהם קאהן, ב. ליטווין, הענעך דאבראניצקי, א. פעליקס און ס'הויבען זיך אן די וכוחים.

ה' העלמאן אלס אנטייל-נעהמער פון יענער פערזאמלונג בעשטעטיגט, אז ס'איז שוין אנגענומען געווארען אזא בעשלוס.

פרנס רומקאווסקי ערקלערט אין נאמען פון דער ציוניסטישער פראקציע אין קהלה, אז זי איז גרייט צו שטיצען יעדען שריט, וואס די קהלה וועט פארנעהמען, כדי צו רעאליזירען איהרע התחייבות'ן בנוגע דער פאמיליע פון הרב ר' אליהו חיים מייזעל זצ"ל.

ס'רעדען נאך א גאנצע רייה רעדנער, צווישען זיי די ה"ה לאגרא, האלפערן, פאנטעל, י. ל. וואלף א. אנד.

צום סוף האט נאך גערעדט ה' יוליאן וואלף, וועלכער האט אנגעוויזען, אז אלע בתי-מדרשים און שטיבלעך דארפען אנגעהמען רעזאלוציעס מיט א אויפפאדערונג צו דער קהלה-פערוואלטונג, אז זי זאל אויסצאהלען דעם בעשטימטען חוב און די דאזיגע רעזאלוציעס צו שיקען צו דער קהלה.

צום סוף איז איינשטימיג אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אויפצופאדערען די קהלה-פערוואלטונג צו ערפילען די התחייבות, וואס דאס יודישע לאדז האט אויף זיך גענומען ד. ה. 30,000 רובל אין גאלד וואלוטע.

אויף שקאלנא 24 עקסיסטירט א מעדעל-שולע וואו מ'לערנט פערשידענע מלאכות. די שילערינס, וואס ענדיגען די שולע קענען זעלבסטשטענדיג אויספיהרען פערשידענע ארבייטען און זיך דורכ'דעם מפרנס צו זיין. אין דער שולע לערנען ביז 100 שילערינס די פאכען: שניידעריי, וועש-נעהעריי, און האפט. שילערינס ווערען אנגענומען.

רעגיסטראציע פון יאהרגאנג 1908.

היינט דארפען זיך רעגיסטרירען אלע געבוירענע אין 1908 י. וועלכע וואוינען אין 5. פאליציי-קאמיסאריאט און זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן מיט די בוכשטאבען:

U. W. Z. Ż

די רעגיסטראציע קומט פאר אין לאקאל פון מיליטעריש-פאליציישען ביורא ביים מאגיסטראט (פיעטרקאווער 212) און קומט פאר פון 8.15 ביז 1 א זייגער בייטאג.

ביים רעגיסטרירען זיך דארף מען מיטברענגען א פאס מיט א פאטאגראפיע, אדער אנ'אנדער דאקומענט, וואס בעשטעטיגט די אידענטישקייט פון דער פערזאן. פאר נישט מעלדען זיך צו דער רעגיסטראציע דראהט א שטראף.

פערזאנען מיט „קארטא-פאביטו" דארפען זיך אויך רעגיסטרירען.

קאנטראל-פערזאמלונגען פאר רעזערוויסטען.

(–) אויף נאווא-טארגאווא 18 דארפען זיך היינט מעלדען די געבוירענע אין 1900, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 2. 3. 5. 8. 9. און 11 פאליציי-קאמיסאריאט און זייערע נעמען הויבען זיך אן אויף N. O.

מארגען — P.

אויף קאנסטאנטינער 62 דארפען זיך היינט מעלדען די געבוירענע אין י. 1903, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 2. 3. 5. 8. 9. און 11 פאליציי-קאמיסאריאטען אויף די בוכשטאבען P.

מארגען — R.

(–) היינט דארפען זיך שטעלען אויף לעשנא 9, די רעזערוויסטען פון 1888 י. וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 10-טען קאמיסאריאט און זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן אויף

A. B. C. D. E. F. G. H. Ch. I. J. K. L. Ł.

מארגען — אלע איבריגע.

אויף נאווא-צעגעלניאנא 51, דארפען זיך מעלדען די רעזערוויסטען פון 1900 י., וואס וואוינען אין 10-טען פאליציי-קאמיסאריאט מיט די פאמיליען-נעמען אויף

M. N. O. P. R. S. T. U. W. Z. Ż.

מארגען – פון 12 קאמיסאריאט אויף אלע בוכשטאבען.

צו די קראנקען-קאסע-וואהלען.

(–) נעכטען האט דער צענטראלער האנדווערקער-פערבאנד (פאלודיאווא 4) אריינגעטראגען א ליסטע צו די וואהלען אין ראט פון דער קראנקען-קאסע. די ליסטע, האט בעקומען דעם נומער 7.

אלס ערשטע קאנדידאטען פיגורירען די ה"ה: לאוויק יאעל, מ. ד. הערשקאוויטש, ש. שווארצבערג און ה. פוטערמאן.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען.

(2) פ. וואטשיצקי (נאפיורקאווסקי 27), וו. דאנילעצקי (פיעטריקאווער 127), אילניצקי און צימער (וואלטשאנסקא 37), יורשים פון לייבוועבער (פרייהייטס-פלאץ 2), הארטמאן (מלינארסקא 1) י. קאהאנע (אלעקסאנדראווסקא 80).

יודען! קויפט די היינטיגע אפצייכנונג לטובת „לינת הצדק"

Dr. med. A. Uryson
קאנסטאנטינער 20, טעל. 35-85
נעמט אן פון 3 ביז 5 א זייגער נאכמיטאג.

פייערליכע ערעפענונג
פון פרייען פוילישען אוניווערסיטעט אין לאדז.

נעכטען 12 בייטאג איז אין שעהן דעקארירטען זאל פון שטאט־ראט פארגעקומען די פייערליכע עפענונג פון דער לאדזער אפטיילונג פון פרייען פוילישען אוניווערסיטעט.

עס זיינען אנוועזענד געווען דער וואיעוואדע, דער שטאט־פרעזידענט דעפ. זשעמיענצקי און די ויצע־פרעזידענטען, גענעראל מאלאכאווסקי, דער פא־ייצער פון שטאט־ראט, דער פרע׳עס פון קרי. געריכט, א גרויסע צאהל ראטמענער, אנגעזעהענע לאדזער דאקטוירים און אדוואקאטען און אויך א ספעציעלער שליח פון מיניסטעריום פאר בילדונג־ און רעליגיעז ענינים.

ביים פרעזידיום־טיש האבען פערנומען די ער־שער די פראפעסארען פון אוניווערזיטעט מיט רעקטאר פראפ. ט. וויוענער בראש. הינטער זיי האט זיך אויסגעשטעלט א רעלעגאציע צוהערער פון ווארשא מיט 2 פעהנער, מיט די קארפאראציע־בענדער איבער ברוסט און קארפאראציע־היטלעך.

דאס ערשטע ווארט האט גענומען דער רעקטאר פון פרייען אוניווערזיטעט פראפ. ט. וויוענער.

דער נעראנק ווענען עפענען אנ׳אפטיילונג אין לאדז, זאגט פראפ. וויוענער איז שוין פון לאנג רייף געווארען. די זאך האט אבער נישט געקענט רעאליזירט ווערען צוליב א גאנצער רייה שוועריג־קייטען סיי ריין טעכניש־ארגאניזאציאנעלע, סיי פרינ־ציפיעלע. אין טייל האט גע־אלטען אז מיר האבען שוין צופיל העכערע לערן־אנשטאלטען, אז לאדז נויטיגט זיך אין פראפעסיאנעלע, טעכנישע האנ־דעלס־שולען.

עס איז אבער נישט ריכטיג, פאלעמיזירט דער רעדנער, אז די מאטעריעלע קולטור קען זיך אנט־וויקלען אן גלייכצייטיגער ענטוויקלונג פון דער גייסטי־גער קולטור.

דער פרייער אוניווערזיטעט, פראפאנירענדיג אין פרינציפ ריין וויסען, האט אבער אויך פראקטישע אויפגאבען. מיר בילדען לעהרער, מיר בילדען גע־זעלשאפטליכע טוער אויף די פערשידענע געביטען, ווי שטעטישע זעלבסטפערוואלטונג (אפטיילונג פאר קאמונאלער פאליטיק) ווי שול־וועזען, ביבליאטעקען־וועזען, שוץ פון פרוי און קינד, שוץ פון ארבייט און אנדערע.

דער רעדנער דאנקט צום סוף די אלע, וועל־כע האבען מיטגעווירקט צו דער גרינדונג פון אנ׳־אוניווערזיטעט אין לאדז.

דאס צווייטע ווארט בעקומט דער פארשטעהער פון בילדונגס־מיניסטעריום ה׳ טשערווינסקי. ער ווינשט דער נייער אינסטיטוציע ערפאלג אין דער ארבייט. דער פרייער אוניווערזיטעט זאגט דער רעד־נער איז מסוגל צו שפילען א וויכטיגע ראל אין לעבען פון דער מלוכה.

די „פרייע״ הויך־שול קען אפלייכטען אנווענ־דען נייע מעטאדען פון ארבייט: דאס בעווייזט, דער פאקט, וואס ביי דעם אוניווערזיטעט זיינען פערהאן אזעלכע אפטיילונגען, וועלכע זיינען נישטא אין קיין שום אנדערען אוניווערזיטעט. דער רעדנער שטרייכט אונטער זיין צופרידענהייט, וואס גראד אין לאדז, אין דער שטאט, אין וועלכער ס׳זיינען געפיהרט גע־ווארען אזעלכע העפטיגע קאמפען פאר פרייען פוילען, גראד די שטאט האט איך היגזיכט פון אלגעמיינער בילדונג, פו דער ארגאניזאציע פון פאוועכבנע שולען ווייט איבערגעשטיגען אנדערע פוילישע שטעט, וועל־כע שטאלצירען מיט זייער אלטער קולטור. זאל אויך די העכערע בילדונג זיך עגטוויקלען מיט׳ן גרעסטען ערפאלג, זאל די נייע אינסטיטוציע געבען די בעסטע רעזולטאטען.

דאן בעקומט דאס ווארט פרעזידענט זשעמ־יענצקי.

לאדז, זאגט דער פרעזידענט, האט שוין פון לאנג געשטרעבט צו א הויך־שול, נישט צוליב אמ־ביציע, נאר דערפאר, ווייל דאס איז אומבעדינגט נויטיג. ביז יעצט זיינען געווען אויסערגעוועהנליכע שוועריגקייטען. די ערשטע יאהרען פון אונזער אפ־העננגיקייט האט מען נע־ארפט זיך פערנעהמען מיט דעם גורל פון דער אנפאנגס־שול, אבער צוזאמען מיט דער וואוקס פון דער שול איז אויך גע־אקסען די בעדערפעניש אין אנ׳אנשטאלט פאר העכערער בילדונג.

דער ערשטער בירגער פון לאדז בעקלאגט זיך, אז מיר לעבען אין לאדז מיט אונזערע אלטעגליכער, גרויער ארבייט, אז אונזערע אינטעלעקטועלע בע־דערפענישען ווערען נישט בעפרידיגט, די נייע אינס־טיטוציע דארף ארייגטראגען ליכט. די ווירקונג פון דער אינסטיטוציע לאזט זיך שוין פיהלען. אט האט, פראפ. הילאראוויטש — צוגעזאגט זיין מיטארבייט ביים ארגאניזירען א קורס פון אדמיניסטראטיווע רעכט פאר בעאמטע פו ולאדזער מאגיסטראט. מיט גרויס דאנקבארקייט בעגריסט דער פרעזידענט די איניציאטארען — די פראפעסור פון פרייע אוני־ווערזיטעט. דאן ווערען אדורכגעלעזען בעגריסונגס־טעלעגראמען פון ווארשאווער אוניווערזיטעט פאליטעכניקום, העכערער האנדעלס־שול, פון סענאטאר פאזנער און אנדערע.

פראפ. לאנגנאווסקי גיט צו א בעריכט פון ביז איצטיגער טעטיגקייט.

דער לאדזער מאגיסטראט האט ערטיילט א סובווענץ אין דער הויך פון 60,000 גילדען. עס זיינען געעפענט געווארען 3 אפטיילונגען: הומאני־טאריע, געזעלשאפטליכע און פעדאגאגישע. עס נעמען אנטייל 25 פראפעסארען, וועלכע האבען פאר־געשלאגען 48 קורסען, עס האבען זיך פערשריבען 266 צוהערער: 118 מיט מיטלערע בילדונג, 104 פרויען, 60 מענער, 135 האבען אנגעגעבען פויל־שע נאציאנאליטעט, 19 יודישע.

דאן קומט פאר די אימאטריקולאציע: איינינע צוהערער בעקומען זייערע פערלעזונגס־ביכלעך, דער רעקטאר ווענדעט זיך צו זיי, מיט דער ערקלערונג, אז זייער הויפט־אידעע דארף זיין ליבע צו דער וויסענשאפט.

דאס לעצטע ווארט בעקומט א צוהערער פון דער הויך־שול אין ווארשא, וועלכער ערקלערט זיין טרייעשאפט און ליבע צו דער שול און פראפעסארען — דער כאר זינגט „גאודעאמוס״, און דער פייער־ליכער טייל איז געענדיגט.

דער רעקטאר ערקלערט דאס שול־יאהר פאר געעפענט און ערטיילט דאס ווארט דעם אלטען ד״ר ש. שטערלינג, וועלכער — אלס פראפ. פון געזעל־שאפטליכער היגיענע — האלט זיין ערשטען פאר־טראג: „וועגען די ערשטע סימנים פון קראנקהייט״.

עס וואלט אונז צו ווייט פערפיהרט, ווען מיר וואלטען געוואלט איבערגעבען דעם רייכען אינהאלט פון ד״ר שטעלינגס פארלעזונג. אין א פאפולערער א בער שטרענג וויסענשאפטליך אויסגעהאלטענער פארם האט ד״ר שטערלינג געשילדערט די לעצטע טעאריע וועגען דער שווערער פראגע פון לעבעדיגער און טויטער נאטור: וואו איז די גרעניץ צווישען ארגאנא־גיזירטער (לעבעדיגער) און אונארגאניזירטער נאטור? ביז וואנען איז דער לעבעדיגער ארגאניזם געזונד, און ווען הויבט זיך אן די אבווייכונג פון דעם וואס רופט זיך געזונד — קראנקהייט? אויף די אלע פראגען האט דער לאדזער געלערנטער געגעבען א אויספיהרליכען ענטפער, דער רעדנער איז בעדאנקען געווארען מיט לאנג־דויערנדע אפלאדיס־מענטען.

אין א גע־הויבענער שטימונג איז די פייערונג געשלאסען געווארען.

מ. ש.

מאגיסטראט קאנטראלירט די האנדעלס־אונטערנעהמונגען.

(מ) מיטוואך וועט דער מאגיסטראט אנהויבען קאנטראלירען צי ס׳זיינען רעגיסטרירט אלע אונטערנעהמונגען. אלס בעווייז פון רעגיסטראציע דינט די בעשטעטיגונגס־קארטע, וועלכע ס׳גיט ארויס דער אינדוסטריע־אמט פון דער 1. אינסטאנץ ביים מאגיסטראט. דעריבער דארפען די אלע, וואס האבען זיך שוין רעגיסטרירט און נאך נישט אפ־געגומען די בעשטעטיגונגס־קארטען, די דאזיגע קארטען אפנעהמען, כדי נישט אנשטויסען אויף אונאנגענעהמליכקייטען און שטראפען.

פון „וו. י. ז. א.״

היינט, דאנערשטאג קומט פאר אין לאקאל פונ׳ם קלוב „וו. י. ז. א.״ (אל. קאשטשושקי 21) א רעציטאציע־ און מעלא־דעקלאמאציע־אוונט פון די פאלעסטינער ארטיסטען תאומי פערקאל און מייער. ה׳ תאומי איז איינער פון די ארגאניזאטא־רען פון העברעאישען טעאטער. פרוי תאומי איז וועכטאנגאוו׳ס א שילערין און איינע פון די בעסטע ארטיסטקעס פונ׳ם סאטירישען „קוואקום״ אין תל־אביב.

פון געריכט.
פראצעס פון א זעלנער.

(—) אין מיליטער־געריכט איז פארגעקומען דער פראצעס קעגען דעם זעלנער בנימין מארדקאוויטש, וועלכער איז געווען בעשולדיגט, אז ער איז נישט געווען געהארכזאם בנוגע זיין העכערער מאכט און אפילו בעפאלען דעם העכע־רען פון איהם אין ראנג, באמבארדיער גושאנקא. אלס בעווייז, אז מארדקאוויטש איז א שלעכטער זעלנער האט זיין בעשולדיגער בעוויזען, אז מארד־קאוויטשען האט מען איינמאל ארעסטירט אויף א קאמוניסטישער פערזאמלונג אין פעראיין „נאדעל״ אין טאמאשאוו.

דאס געריכט האט פער׳משפט דעם בעשול־דיגטען מארדקאוויטש אויף א יאהר טורמע און פערליהרען אלע רעכט.

פערפיהרט און פערגוואלטיגט.

פאר׳ן מיליטערישען קרייז־געריכט איז נעכ־טען בעשטאנען דער 28־יעהריגער וויטאלד פאו־לינסקי, שערזשאנט פונ׳ם 4־טען אויטא־דיאן אין לאדז.

דער בעשולדיגונגס־אקט ווארפט דעם בעשול־דיגטען פאר, אז ער האט פערפיהרט און פער־גוואלטיגט די 16־יעהריגע בראניסלאווא יעזשער־סקא.

בעת׳ן געריכטס־פערהער איז אבער קלאר גע־ווארען, אז די יעזשערסקא האט אויס פערזענליכער נקמה איינגעקלאגט דעם בעשולדיגטען, אז איהר בעשולדיגונג איז א פיקציע און א שאנטאזש.

דאס געריכט האט דעריבער דעם בעשולדיג־טען פרייגעשפראכען.

דער פרייגעשפראכענער פאולינסקי האט איינ־גענעבען אין געריכט אויף דער יעזשערסקא פאר רכילות.

פון געריכט פאר מינדעריעהריגע

(ב) דאס געריכט פאר מינדעריעהריגע, וואס איז ביז איצט געווען אויף פיראמאוויטש 5, האט זיך איצט אריבערגעטראגען אויף נארוטא־וויטש 41, וואו ס׳זיינען ביז איצט געווען די פרי־דענס־געריכטען. דאס געריכט פאר מינדעריעהריגע וועט איצט פערנעהמען דעם גאנצען ערשטען שטאק.

בעני אדלער׳ס
לעצטער אויפטריט אין לאדז.

(—) היינט קומט פאר אין פילהארמאניע דער לעצטער אויפטריט פון בעקאנטען יודישען אמע־ריקאנער ארטיסט בעני אדלער.

אדלער האט אין פערגאנגענעם סעזאן גע־שפילט אין לאדז מיט׳ן גרעסטען ערפאלג און האט בעקומען טויזענדער פערעהרער. צו דער אבשידס־פארשטעלונג ווערט געגעבען די בעקאנטע פיעסע „דער שפיגעל פון לעבען״.

שטיצט די
נאכט־פאגאטאוויע
פון „לינת־הצדק״
קויפט די אפצייכנונג

צוויי מאל חתונה געהאט.
ווידער אקרבן פון א „שטילער״ חופה.
ש. יזציט, מיידלעך זאלזנישט חתונה־האבען אהן אפיציעלע חתונה־אקטען.

אין די 50־נער נומערן אויף דער קאנ־סטאנטינער גאס וואוינט מיט זיין פאמיליע דער 63־יעהריגער העניש מ., ער האט דריי זיהן און א טאכטער. ער און זיינע בירע עלטערע זיהן זע־נען דראשקאזשעס. מ׳ארבייט שווער און ביטער, מ׳האט זיך אויסגעארבייט און דערהאבעט צו אנ׳אייגענע פערד און וואגען און פון דעם ציהט מען פר־נסה. די קרוין פון קאפ, איז ביי אלעמען געווען סאלטשע. די עלטערן און די ברידער האבען זיך געמיהט אויסצוזוכען פאר סאלטשע׳ן א חתן, וואס זאל נישט אזוי שווער ארבייטען, ווי זיי, אז סאל־טשע זאל האבען ביים מאן א גרינגערען לעבען, ווי אין פאטערס הויז. סאלטשע איז שוין אלט געווא־רען 18 יאהר, שדכנים און שדכנטעס האבען אנגע־הויבען קומען מיט שדוכים, ביז ס׳איז געקומען עפיס רעכטס, א יונגערמאן פון א יאהר צוואנציג, כמעט א זעלבסטשטענדיגער סוחר מיט שניט־סחורה. א דירעווודיגער און פון מיוחס׳דיגער פאמיליע, דער פאטער א חסידישער יוד, די מוטער חנה פראדעל די מקוה׳ניצע, אלזא דער שידוך איז געפעלען גע־ווארען ביידע צדדים: דעם חתנ׳ס צד, איז געפעלען געווארען דאס יונגע מיידעל, דעם כלה׳ס צד — דער יונגער בחור, הגם ער איז נאך נישט אפגע־קומען דעם פאבאר. אין זאך האבען זיך איינגע־שפארט די עלטערן פון חתנ׳ס צד — ס׳מוז זיין א וואוינונג פאר׳ן יונגען פאר און ס׳מוז זיין נדן במזומן, כדי דער יונגער מאן ליבוש בן אברהם זאל ווערען אנ׳אמתר סוחר און קענען ווערען א בעל מפרנס, אז דעם חתן איז דער שידוך געפעלען איז דאך נישטא קיין עצה! האט מען אויף א פאמיליען־בעראטונג בעשלאסען צו פערקויפען א שפאן מיט א וואגען, פערבארגט זיך און צוזאמענ־געשטעלט א נדן פון 200 דאלאר. א וואוינונג פאר׳ן יונגע פאר האט מען אפגעגעבען אין דעם אלטענס וואוינונג א גרויסען ליכטיגע צימער מיט א באלקאן און ווען דאס אלץ איז ערלעדיגט געווארען האט מען פאראיאהרען פאר ראש השנה געשטעלט א חופה. הופה־וקדושין האט געגעבען דער דיין ר׳ מאיר, א ווינקעל מורה הוראה. קיין חתונה־אקטען ווי ס׳פיהרט זיך צום בעדויערען נאך היינט, ביי פיל יודען האט מען נישט געמאכט. דאס יונגע פאר פאלק האט זיך בעזעצט ביי איהר טאטען און גע־געסען קעסט. דערווייל האט אונטערגעריקט דער פאבאר, ליבוש איז פריי געווארען, האט דער יונגער סוחר אנגעהויבען צו פאהרען מיט זיין פעקעל סחורה געקויפט האט ער סחורה פאר מזומן, ביליג, האט ער עס לייכט און מיט ריוח געקענט פערקויפען. אזוי האנדלענדיג האט ער אנגעהויבען פאהרען קיין נעלקאן, וואו ס׳האט געוואוינט זיינע א קוזינקע עטעל מיט איהר מוטער מאניע גאלדבערג אנ׳אלמנה וועלכע האט זיך מפרנס געזען פון א פאקאליע־גע־וועבעל.

וואס אמאל האט אונזער ליבוש אנגעהויבען לענגער צו פערבלייבען אין נעלקאן. ביידע צינגער האבען אנגעהויבען אונטערצומורמלען, ביז מ׳איז געקומען צום אלטען הערש און איהם דערצעהלט, אז זיין איידעם האט אין נעלקאן חתונה־געהאט מיט זיין קוזינקע דער יתומה, אויף וועלכער ער האט רחמנות געקריגען. הערש האט לכתחילה נישט גע־גלויבט, נאר שפעטער האט ער זיך איבערצייגט, אז דאס איז אמת, איז ער אוועק אין פאליציי און געמאלדען וועגען דעם פאל. פאליציי איז איהם גע־קומען צו הילף און ער האט אין נעלקאן צוגענומען ביים ליבען איירעם סחורה אויף 400 זל. מעהר האט מען קיין סחורה נישט געטראפען און קיין געלד — האט ער ערקלערט — האט ער נישט.

דערויף איז ליבוש, א ביסעל א פערשעמטער, געקומען קיין לאדז צו זיין ערשטער פרוי און גלייכ־צייטיג געפיהרט א קארעספאנדענץ מיט דער אנדער פרוי אין נעלקאן. אין דערהיים האט ער נאטירליך געלייקענט, אז ער האט צום צווייטען מאל חתונה געהאט, ווען ס׳זיינען אבער געקומען עדות פון שידלאוויעץ, וועלכע האבען בעשטעטיגט, אז ליבוש בן אברהם האט אין נעלקאן חתונה געהאט, און ער האט געזעהען, אז נאכאמאל קיין געלד וועט מען איהם נישט אנטרויען, האט ער אין א שעהנעם טאג געמאכט א ויברח קיין נעלקאן דארט גערונגען זיך א שטוב און וואוינט מיט זיין צווייטער פרוי, מרת עטעל.

ליבושעס מוטער, חנה פראדעל די מקוה׳ניצע איז געקומען צו דער שנור, געטרויערט אויף איהר ביטערען גורל און געגעבען [illegible] איהר 20 זל. אויף הוצאות, פאהרען ברענגען דעם זוהן. די 20 זל. אויף הוצאות האט זי טאקי בעקומען, אבער פונ׳ם „ברענ־גען״ דעם תכשיט האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם. האט זיך הערש וועגען דעם ענין געווענדעט צום ראבינאט, וועלכער האט אנגעפרעגט דעם קאנסקער רב און די מעשה האט זיך בעשטעטיגט. ליבוש בן אברהם האט גענומען 2 מאל חופה וקדושין: צום ערשטען מאל אין לאדז מיט סאלטשא און צום צווייטען מאל — מיט עטלען.

דער ראבינאט האט זיך פעראינטערעסירט מיט דער פראגע, וועלכע וועט וואהרשיינליך איבערגעהען צו דער פראקוראטור און ליבוש וועט געמשפט ווערען פאר שווינדעל און ביגאמיע.

ענטהילט די מצבה אויפ׳ן קבר
פון דירעקטאר א. שווייצער.

נעכטען 12 א זייגער מיטאג איז אויפ׳ן יו־דישען בית־עולם פארגעקומען די פייערליכע ענט־הילונג פון דער מצבה אויפ׳ן קבר פון פערשטאר־בענעם בעקאנטען פעדאגאג און גימנאזיע־דירעק־טאר א שווייצער.

7 אין אווענד איז אין זאל פון דער גימנא־זיע, פאמארסקא 48 פארגעקומען א פייערליכע טרויער־אקאדעמיע, צו וועלכער עס זענען געקומען עטליכע הונדערט פערזאן.

די פייערונג איז געעפענט געווארען דורכ׳ן פארזיצענדען פון פערבאנד, פון געוועזענע שילער ה׳ י. פוקס, וועלכער האט גערופען די אנוועזענדע מיטצוהעלפען צו גרינדען א פאנד צו שאפען אנ׳־אנדענק פאר׳ן פערשטארבענעם לעהרער און ערציהער.

צום סוף האבען נאך גערעדט ה׳ סט. יארא־טשינסקי און 2 געוועזענע שילער פון פערשטאר־בענעם. נאכדעם איז פארגעקומען א קאנצערט־טייל.

די ליקווידירונג פון די קעלער־בעקערייען.
פיל יודישע ארבייטער פערלירען זייער חיונה.

ווי בעקאנט, האט דאס איגערן מיניסטעריום געהאט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג וועגען ליק־ווידירען די בעקערייען, וואס געפינען זיך אין קעלער־לאקאלען. די דאזיגע פעראָרדנונג איז נוגע די הונדערטער בעקערייען אין פערשידענע שטעט פון לאנד, אין לאדז גופא געפינען זיך העכער 60 אזעלכע בעקערייען און קאנדיטארייען, אין וועלכע עס זענען בעשעפטיגט עטליכע הונדערט ארבייטער, צומייסטענס יודישע.

די צענטראל־פערוואלטונג פון דערנעהרונגס־פעראיין האט בשעתו אונטערגענומען שריט, כדי די ארבייטער פון די דערמאהנטע בעקערייען זא־לען נישט בלייבען אהן יעטוועדע מיטלען צום לעבען. איצט איז די פראגע וועגען פערמאכען די קעלער־בעקערייען געווארען אינגאנצען אקטועל, ווייל די געהעריגע ארגאנען זענען שוין צוגעטרע־טען צו די ליקווידאציע־שריט. אין צוזאמענהאנג מיט דעם איז די פערוואלטונג פון דער לאדזער אפטיילונג פון בעקער־ארבייטער־פעראיין צוגעטרא־טען דורכצופיהרען אנ׳אנקעטע וועגען מצב פון די ארבייטער אין די קעלער־בעקערייען. דער געזאַ־מעלטער מאטעריאל וועט דינען אויף אויסצואר־בייטען א מעמאריאל צו די מאסגעבענדע אינסטאנ־צען, כדי צו פערלייכטערען די לאגע פון די אר־בייטער, וועלכע ס׳דראהט צו בלייבען אהן ארבייט.

פרויען, וואָס פיהרען אָן רויבער-באַנדעס
אין אַמעריקאַ און אייראָפּע.

מיט איינינע טעג צוריק איז געמעלדעט געוואָרען אין די צייטונגען, אַז אַ מיידעל מיט'ן נאָמען סאָפיע קאָלאָדניע איז אַרעסטירט געוואָרען אויף דער בעשולדיגונג, אַז זי איז געווען די אַנפיהרערין פון אַ באַנדע רויבער, וואָס האָבען געמאַכט אַ רייה געפעהרליכע אַנפאַלען אין ניו-יאָרק. דאָס מיידעל איז אַ רויט-האָריגע און אין פערלויף פון די לעצטע חדשים האָט מען זיך אַנגעהערט אַ סך סענסאַציאָנעלע מעשיות וועגען אַ רויט-האָריגער מיידעל, וואָס האָט געמאַכט געוואַגטע איבערפאַלען אויף פּריוואַטע הייזער אַזוי גוט ווי אויף געשעפטען.

איידער סאָפיע קאָלאָדניע איז געכאַפּט געוואָרען זענען אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע יאָהר אַרעסטירט געוואָרען איינינע אַנדערע מיידלעך אין ניו-יאָרק אויף דער קלאַגע, אַז זיי זענען געווען די פיהרערינס און באַנדעס. אַ פּאָר פון די מיידלעך זענען געווען בעוואוסט איבער'ן גאַנצען לאַנד. זיי פלעגען זיך קליידען לויט דער לעצטער מאָדע, מיט אונטערגעשוירענע האָר און ווען מען וואָלט זיי בעגעגענט אין גאַס אָדער אין אַ רעסטאָראַן, וואָלט מען זיי קיינמאָל נישט אַנגענומען פאַר רעוואָלווער-העלדען. אָבער זיי זענען דוקא געווען געפעהרליכע חברה'טעס. אין זייערע קליידער האָבען זיי געהאַט בעהאַלטען קליינע רעוואָלווערען און אָפט שאַרפע קינזשאַלען.

אָבער לאַנג, לאַנג, איידער אין ניו-יאָרק און שיקאַגאָ האָבען זיך בעוויזען פרויען גענגסטערס, זענען שוין אין אייראָפּע געווען צאַצקעדיגע ווייבלעך, וואָס האָבען אַנגעוואָרפען אַ שרעק אויף דער בעפעלקערונג. אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך און הויפּטזעכליך אין איטאַליען, זענען געווען פרויען, וואָס האָבען אָרגאַניזירט געפעהרליכע באַנדעס, וואָס האָבען געמאַכט איבערפאַלען אויף שטעדטלעך און נישט נאָר רויבירט דאָס האָב און גוטס פון פיל איינוואוינער, נאָר צייטענווייז זיך אפילו נישט אָבגעשטעלט פאַר מאָרד. אין איטאַליען, צום ביישפּיל, איז נעבען פּאַלערמאָ געווען אַ באַנדע פון איבער הונדערט פרויען און מענער, וואָס זענען אַנגעפיהרט געוואָרען פון אַ מיטעל-יעהריגער שעהנער פרוי. זי האָט רעגירט מיט איהר טיראַנישער האַנד איבער איהר באַנדע, און עס ווערט איבערגעגעבען, אַז איין מאָל ווען אַ פרוי מיטגליד פון איהר רויבער-חברותא האָט זיך ווידערשפּעניגט און אַנגעהויבען אינטריגירען געגען איהר, האָט זי אַרויסגעצויגען אַ רעוואָלווער און איהר געשאָסען אויפ'ן אָרט. זאָנדערבאַרע געשיכטעס ווערען אויך דערצעהלט וועגען אַפּאַשען, מיידלעך אין פּאַריז. עטליכע פון זיי האָבען איין מאָל אַנגעפיהרט אַנ'אָפענעם קאַמף מיט זשאַנדאַרען און זיי איז געלונגען צו ענטלויפען און זיך בעהאַלטען אין אַ וואַלד. דאָרט האָבען זיי געלויערט אויף פערבייגעהער און איין מאָל איז זיי אפילו געלונגען צו בערויבען אַ פּאָסט-וואָגען.

די אינטערעסאַנטעסטע געשיכטע האָט אָבער פּאַסירט לעצטען יאָהר מיט אַ וואונדערשעהנער פרוי, וועלכע איז געווען בעוואוסט אין בערלין אונטער'ן נאָמען גרעפין קאָלאָנאַ. די דאָזיגע גרעפין איז בעטראַכט געוואָרען אַלס איינע פון די גרעסטע שעהנהייטען אין דייטשלאַנד. זי איז געווען אַ געהייבניספולע פּערזאָן און מיט אַ 10 יאָהר צוריק האָט זי געקעהרט וועלטען אין בערלין, אין לייפּציג און אין אַנדערע שטעדט אין דייטשלאַנד. זי איז געווען אַ מייסטער-שיסערין מיט אַ רעוואָלווער און האָט זיך אויך נישט אָבגעשטעלט צו בענוצען אַ מעסער, אויב עס איז נאָר נויטיג געווען. די פּאָליציי האָט איהר איינינע מאָל אַרעסטירט, אָבער אַזוי ווי דורך כשוף פלעגט זי זיך אַלע מאָל אַרויסדרעהען און נעלם ווערען. מיט אַ יאָהר צוריק האָט זי זיך פּלוצלינג ווידער בעוויזען אין דער עפענטליכקייט. מען האָט אַנגעהויבען רעדען וועגען איהר. זי האָט זיך בעוויזען אין איין נאַכט-קאַפע און דאַן אין אַ צווייטער. די פּאָליציי האָט איהר געוואָלט כאַפּען, אָבער זי איז עפּעס ווי פערשוואונדען פון אונטער די הענד. איין מאָל האָבען זשאַנדאַרען איהר ענטדעקט, אָבער עס איז בשום אופן נישט מעגליך געווען פעסטצושטעלען, אַז זי איז עס די געפעהרליכע גרעפין קאָלאָנאַ. זי האָט בעוויזען מיט פערשידענע עדות, אַז זי איז גאָר אַ פּאַריזער טענצערין.

און גוטע פריינד האָט די דאָזיגע גרעפין קאָלאָנאַ אַ סך און אויך צעהנדליגער געליבטע, מענשען וואָס וואָלטען פאַר איהר געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער. דאָס איז איינע פון די אורזאַכען פאַרוואָס עס איז נאָך ביז איצט נישט געלונגען צו פערשפּאַרען איהר אין געפענגניש. די געהיים-פּאָליציי האָט זיך אין אָנהויב שטאַרק געשעהמט און בעקאַנט געמאַכט, אַז עס איז אַ טעות, אַז די גרעפין קאָלאָנאַ איז נישט אין בערלין. די רויבערייען און מערדערעיען, וואָס זענען פאָרגעקומען זענען אָבער געווען פון אַזאַ מאָדנעם סאָרט, אַז די גאַנצע בעפעלקערונג פון שטאָדט האָט געוואוסט, אַז די פּאָליציי ווייסט נישט וואָס זי רעדט, און אַז די געפעהרליכע גרעפין אַרבייט שוין ווידער מעשים אין שטאָדט.

איינע פון די רויבערייען איז געווען אין דעם הויז פון פירשט ג., וועלכער איז אַגב געווען גאָר אַ נאָהענטער מחותן מיט קייזער ווילהעלם, ווען ער האָט נאָך געלעבט אין זיין פּאַלאַץ אין בערלין. דער פירשט איז געווען שטערבליך פערליבט אין דער גרעפין קאָלאָנאַ, וועלכע פלעגט זיך אַנרופען מיט פערשידענע נעמען. זי איז געוואָרען אַנ'אַריינגעהערין אין זיין הויז. אין זיין פּאַלאַץ זענען געווען די קאָסטבאַרסטע מאָלערייען און בילדער, ווי אויך אַ סך ציהרונג. די גרעפין קאָלאָנאַ האָט ערקלערט דעם פירשט, אַז איהר מאַן שפירט איהר נאָך און זי וויל נישט, אַז איהר מאַן זאָל ווען עס איז קענען קריגען עדות קעגען איהר. זי האָט איהם דעריבער געבעטען, אַז ער זאָל אַוועקשיקען אַלע זיינע דינער און דינסטען אויף עטליכע טעג, כדי זי זאָל קענען וואוינען אין זיין הויז און זי האָט דערביי פערשפּראָכען דעם פירשט, וועלכער איז שוין געווען אין די פופציגער, „די גרעסטע ליידענשאַפטליכע פערגניגענס, וואָס ער האָט ווען עס איז איבערגעלעבט אין זיין לעבען". דער פירשט האָט דעם פאָרשלאַג אַנגענומען. עס איז בעשטימט געוואָרען, אַז 5 אַ זייגער פאַרנאַכט זאָל די גרעפין קומען צו איהם אין הויז.

עטליכע מינוטען פאַר דער בעשטימטער צייט האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. די גרעפין קאָלאָנאַ האָט גערעדט מיט'ן פירשט. מיט אַ ציטערנדער שטים האָט זי דערצעהלט, אַז זי האָט בעשלאָסען נישט צו געהן אין זיין פּאַלאַץ, ווייל געהענדיג צו איהם, האָט זי בעמערקט עמיצען איהר נאָכגעהן. זי וועט זיך אַריינזעצען אין איהר אויטאָמאָביל און אַליין אַוועקפאָהרען צו אַ הויז איהרע וואָס געפינט זיך אַרום 30 מייל פון בערלין. קיינער איז אין הויז נישטאָ. נאָר זי אַליין האָט דעם שליסעל. דאָס הויז איז אַרומגערינגעלט מיט געדיכטע ביימער און איז אַ מייל ווייט פון וועג. קיינער וועט נישט קענען זעהן איהר אַריינקומען. אַהין זאָל ער קומען און דאָרט וועלען זיי לעבען ווי גאָט אין אָדעס.

אין דער צייט וואָס דער פירשט איז געווען אויס'ן וועג צום הויז פון גרעפין קאָלאָנאַ, אַ הויז וועלכע האָט אַגב נאָר עקזיסטירט אין איהר פאַנטאַזיע, זענען אַ באַנדע רויבער אַריין אין פירשט'ס פּאַלאַץ און ווען ער איז מאָרגען אין דער פריה צוריקגעקומען האָט ער געפונען, אַז נישט נאָר די ציהרונג, נישט נאָר די טייערע מאָלערייען, נאָר אפילו גוטע קאָסטבאַרע שטיקער מעבעל, זענען צוגענומען געוואָרען פון הויז. די פּאָליציי האָט גלייך אַרעסטירט די מערקווירדיג-שעהנע פרוי, וועלכע פלעגט יעדע נאַכט געזעהען ווערען אין די אַריסטאָקראַטישסטע לעבע-פּלעצער אין און אַרום בערלין. אָבער דורך דער אַריינמישונג פון דעם פערטרעטער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג איז זי בעפרייט געוואָרען, ווייל מען האָט נישט געקענט קריגען קיין שום בעווייזען געגען איהר.

אָט דאָס איז נאָר איין ביישפּיל פון דער אַרבייט, וואָס די גרעפין קאָלאָנאַ טוט אויף. און זי איז נישט די איינציגע פרוי, וואָס איז אַ רויבער-הויפּטלינג אין דייטשלאַנד. אין דעם בעוואוסטען שוואַרצוואַלד האָט זיך מיט איינינע יאָהר צוריק אויפגעהאַלטען אַ געפעהרליכע בלאָנדע באַנדיטקע. זי האָט געהאַט אַזאַ מין קראַפט אין איהרע בלויע אויגען, אַז די דאָרפסלייט פלעגען מורא האָבען אַרויסצוטרעטען אַלס עדות געגען איהר. עפּעס אַ היפּנאָטישע קראַפט האָט זי בעזעסען, ווייל אַ פּאָר מאָל האָט זי זיך דורך איהרע זיסע רייד און איהרע בליקען בעפרייט פון די הענט פון דער געהיים-פּאָליציי. איין מאָל אָבער, ווען זי האָט געמאַכט אַנ'איבערפאַל אין דער בעגלייטונג פון 6 מענער אויף אַ פּאָסט-וואָגען, איז זי דערשאָסען געוואָרען אויף טויט.

י. ס—א.

Dr. med. St. Heinrich
POMORSKA 10, TEL. 47-67
ספּעצ. פון אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-לאַמפּען-שטראַהלען
צוריקגעקעהרט
נעהמט אָן פון 1—3 נאַכמ. און פון 5—7 אָווענד.

Dr. med. H. Lubicz
צעגעלניאַנאַ 43, טעל. 32-41
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און מענער-שוואַכע קראַנקהייטען. היילונג מיט קוואַרץ-לאַמפּען
(האָר אויספאַל)
נעהמט אָן פון 8—10 און פון 5—8 אָוועND.

זיך גע'שמד'ט איבער אַ גרעפין
א.ז דערנאָך געוואָרען אַ רב.

פון א. ר. מלאכי.

(סוף)

גערשוני האָט צוערשט זיך נעגענגעשטעלט און פון זיין פאָרשלאַג נישט געוואָלט הערען. ער האָט אָפענהערציג דערצעהלט דעם מיסיאָנער, אַז ער האָט זיך אין רוסלאַנד געהאַט געשמד'ט און ער איז פון דאָרטען אַנטלאָפען, כדי ער זאָל קאָנען פריי און אומגעשטערט צוריק ווערען אַ יוד. עוואַלד האָט דערווייל איהם צוגערופען גלאָוט און איהם אַוועקגעשיקט אין דער הויפּט-קוואַרטיר פון דער מיסיע „פּאַלעסטיין פּליים". ער זאָל לערנען ענגליש, זיך אויסלערנען אַ מלאכה און זיך אויך בעקענען מיט די יסודות פון דער עוואַנגעלישער קירכע.

אין „פּאַלעסטיין פּליים" האָט גערשוני זיך אויפגעהאַלטען נאָהענט צו אַ יאָהר. ער האָט די ערשטע צייט געפּרובט צו אַנטלויפען, אָבער ער האָט זיך נישט געהאַט צו וועמען צו ווענדען זיך. ער האָט אויך געוואוסט, אַז די יודען פון לאָנדאָן קוקען מיט עקעל אויף יעדען, וואָס האָט געהאַט אַ מגע ומשא מיט דער מיסיע, און קיינער וועט איהם נישט מקרב זיין. דערצו האָט די מיסיע געהאַלטען אויף איהם אַנ'אויג און יעדעס מאָל, וואָס ער איז אַרויס אין גאַס, פלעגט מען איהם נאָכגעהן און נאָכשפּיאָנירען צו וועהן וואוהין ער געהט און מיט וועמען ער פערקעהרט.

אַזוי איז גערשוני ביסלעכווייז אַרונטערגעפאַלען אונטער'ן איינפלוס פון דער מיסיע און זיך ווידער געשמד'ט.

ער האָט אָבער אייגיכען ווידער בעקומען געוויסענסביסען, איז אַרומגעגאַנגען פערכמורעט און דערשלאָגען און געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו אַנטלויפען פון דער מיסיע, וועלכע האָט איהם שוין געהאַלטען איצט פעסט אין איהרע הענט.

דערווייל האָט ער בעקומען אַ בריף געשריבען אין העבראַאיש, אין וועלכען מען מוסרט איהם פאַר זיין טאַט, און דער שרייבער בעשווערט איהם צו ווערען צוריק אַ יוד. קיין נאָמען איז אויפ'ן בריף נישט געווען אונטערגעשריבען, אָבער שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער שרייבער פון'ם בריף איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „המגיד", דוד גאָרדאָן, וועלכער האָט זיך צופעליג דערוואוסט פון זיין שמד און געהאַלטען פאַר זיין חוב זיין נשמה צו ראַטעווען.

דער בריף האָט אויף גערשוני'ן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. און זייענדיג געפּלאָגט פון זיין געוויסען, האָט ער בעשלאָסען אונטער אַלע אומשטענדען זיך צו בעפרייען פון דער מיסיע.

אויסצופיהרען זיין בעשלוס האָט ער זיך געווענדעט נאָך אַנ'עצה צו זיינעם אַ לאַנדסמאַן אַלישעוויץ, אַ העבראַאישען שרייבער, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין לאָנדאָן און איז געווען דער סעקרעטאַר פון דר. אַדלער, דעם „טשיף ראַבּיי" פון ענגלאַנד, ער האָט איהם געשריבען אַ בריף דורכגעווייקט מיט טרעהרען און געבעטען איהם צו ראַטעווען זיין נשמה.

אַלישעוויץ האָט זיך זעהר דערפרעהט, וואָס דער געוועזענער ווילנער עילוי וויל ווערען אַ בעל-תשובה, און מיט דער הילף פון דר. אַדלער האָט מען איהם געגעבען די מיטלען צו פערלאָזען ענגלאַנד און פאָהרען קיין פּאַריז. וואו די מיסיע וועט אויף איהם נישט האָבען קיין שליטה.

זייענדיג אַנ'אויפריכטיגער בעל-תשובה און וועלענדיג, אַז זיין טאַט זאָל זיין אַ וואָרנונג פאַר יונגע לייט נישט צו לאָזען זיך פערפיהרען פון דער מיסיע, האָט גערשוני פערעפענטליכט אין דעם העבראַאישען בלאַט „המגיד" אַ לענגערען אַרטיקעל „ומודה ועוזב ירוחם", אין וועלכען ער איז זיך מתודה אויף זיינע זינד און דערצעהלט באריכות די געשיכטע פון די ביידע מאָל, וואָס ער האָט זיך געשמד'ט.

אין פּאַריז האָט גערשוני געלעבט אין עלענד און געליטען גרויס נויט. אַביסעל האָט איהם מקרב געווען דער העבראַאישער שרייבער שניאור זאַקס, וועלכער האָט צו גערשוני'ס ורדי צוגעשריבען אַ בעמערקונג, בעטענדיג, אַז מען זאָל איהם נישט אויפוואַרפען זיינע חטאים און מען זאָל איהם מקרב זיין, ווייל ער איז אַ גרויסער תלמיד חכם, קען עטליכע שפּראַכען און איז זעהר בעגאַבט. אַ דאַנק שניאור זאַקס האָט גערשוני בעקומען אַ קליינע געלד-שטיצע פון דייטשלאַנד און ער איז אַריינגעטראָטען אין דער „סאָרבאָנע" (פּאַריזער אוניווערזיטעט).

אין פּאַריז האָט ער אָבער זיך נישט געקענט לאַנג אויפהאַלטען, ווייל די מיסיע האָט איהם גענומען פערפאָלגען און האָט פערעפענטליכט אין די צייטונגען אַרטיקלען וועגען גערשוני'ן, אַז ער פערמאַסקירט זיך נאָר אַלס יוד און אין דער אמת'ען פערטרעט ער די מיסיע, וועלכע האָט איהם געשיקט קיין פּאַריז צו אַרבייטען אין איהרע אינטערעסען.

גערשוני האָט זיך גענומען פיהלען אומבעקוועם און ער האָט בעשלאָסען צו פערלאָזען אייראָפּע, און איז אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ.

ער איז אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק אין יאָהר 1869. אין ניו-יאָרק האָבען זיך שוין דעמאָלט געפונען אַ היבש ביסעל משכילים, וועלכע האָבען געהערט וועגען איהם. איינינע האָבען איהם אויפגענומען פריינדליך און אַנדערע האָבען זיך געהאַלטען צו איהם מיט אומצוטרוי, ביז זיי האָבען זיך איבערציינט אין זיין אויפריכטיגקייט. אַזוי, בעת לעאָן הורוויץ האָט דעמאָלט געפּלאַנעוועט אַרויסצוגעבען אין ניו-יאָרק אַ העבראַאישע צייטונג, און געזוכט ליטעראַרישע קרעפטען איהם בייהילפיג צו זיין, האָט ער נישט געוואָלט האָבען גערשוני'ן אַלס מיטאַרבייטער, כאָטש פאַקטיש איז ער געווען דער איינציגער ליטעראַט און זשורנאַליסט. אָבער מיט אַ יאָהר שפּעטער, ווען צבי בערנשטיין איז צוגעטראָטען אַרויסצוגעבען אַ צייטונג, און אין 1871 געגרינדעט „די פּאָסט", די ערשטע יודישע צייטונג אין אַמעריקאַ האָט ער גערשוני'ן אַנגעשטעלט אַלס רעדאַקטאָר. אויסער דעם, וואָס ער האָט רעדאַגירט די צייטונג און איהר אינגאַנצען אויסגעפילט, האָט ער איהר אויך געזעצט. אין ניו-יאָרק האָט זיך דעמאָלט נישט געפונען קיין איין יודישער זעצער. גערשוני איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט געקאָנט די מלאכה. ער האָט זיך אויסגעלערנט זעצען, זייענדיג אין דער מיסיע אין „פּאַלעסטיין פּליים".

ב

די ערשטע צייט האָט גערשוני זיך שטאַרק געפּלאָגט. איינער אַ רב האָט איהם פערשאַפט אַ שטעל פאַר דער גרויסער סומע פון פופצעהן דאָלאַר אַ קוואַרטאַל. גערשוני איז אָבער צופרידען געווען צו טאָן די ערגסטע שמוציגסטע אַרבייט, אַבי צו לעבען אַלס יוד. און אַלע צרות וואָס ער האָט געליטען האָט ער מקבל באהבה געווען און זיי בעטראַכט אַלס אָפּקומעניש פאַר זיינע זינד.

אין יענער צייט האָט גערשוני זיך פלייסיג גענומען צו דער פען. ער איז געוואָרען אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער פון „המליץ" און פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך פערעפענטליכען אַרטיקלען אין די יודיש-ענגלישע צייטונגען אין ניו-יאָרק. פאַר זיינע אַרטיקלען האָט ער ווי דער שטייגער איז דעמאָלט געווען נישט בעקומען קיין געצאָהלט. אויסער דעם האָבען זיינע העבראַאישע אַרטיקלען איהם פערשאַפט פיל שונאים, וועלכע האָבען איהם פיל שלעכטס געטון.

דאָס שטענדיגע אויפוואַרפען איהם זיין פערגאַנגענהייט האָט גערשוני'ן שטאַרק געקרענקט, און ער האָט בעשלאָסען צו פערעפענטליכען אַ צווייטע ערקלערונג, און אין דעם 36-טען נומער פון'ם „המליץ", 1870, האָט ער אָפּגעדרוקט אַ פעליעטאָן אין דער פאָרם פון אַ בריף צו זיין ברודער, אין וועלכען ער בערעכטיגט זיין קאַמף, כאָטש אויף איהם „הענגט אַ פעקעל שרצים", ווייל ער פיהרט נישט קיין פערזענליכען קאַמף, נאָר אַ קאַמף פאַר'ן אמת.

ב

אין 1873 האָט גערשוני אַרויסגעגעבען אַ באַנד ערצעהלונגען אין ענגליש. אין איינער פון די ערצעהלונגען ווערט געשילדערט זיין אייגען לעבען. דאָס ביכעל האָט איהם געמאַכט פּאָפּולער און די ענגלישע צייטונגען האָבען ביי איהם גענומען בעשטעלען אַרטיקלען, פאַר וועלכע מען פלעגט איהם צאָהלען אַ קליינעם האָנאָראַר.

אין יענער צייט איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס ראַבּיי אין טעמפּעל „עמנואל". ער האָט דעם אַמט אָנגעהאַלטען אַ קורצע צייט און פון דאָרטען איז ער אָנגעקומען אַלס ראַבּיי אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרזשיא, און אין שיקאַגאָ, וואו ער איז געווען ביז אין אָנהויב פון די ניינציגער יאָהרען, און דאָרט רעדאַגירט אַ יודיש-ענגליש וואָכענבלאַט „דער אַדוואָקאַט". אויסער דעם האָט ער מיטגעאַרבייט אין די מעהרסטע העבראַאישע און יודישע צייטונגען, וואָס זענען דעמאָלט ערשינען אין אַמעריקע. ווען אחד העם האָט אין 1897 גענומען אַרויסגעבען דעם „השלח", האָט ער זיך געווענדעט צו גערשוני'ן, אַז ער זאָל מיטאַרבייטען אין זיין וואָכענשריפט. גערשוני האָט איהם גלייך צוגעשיקט אַ פּובליציסטישען אַרטיקעל איבער דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די יודען אין אַמעריקע. דער אַרטיקעל איז געווען דער ערשטער פון אַ לענגערע סעריע, וואָס גערשוני האָט געפּלאַנעוועט צו שרייבען. אָבער ער איז געשטאָרבען נאָך איידער דער „השלח", אין וועלכען זיין אַרטיקעל איז געווען געדרוקט, איז אָנגעקומען אין אַמעריקע.

—:o:—

די יודישע מאסקווע מיט פערציג יאהר צוריק.

(היסטאר וועה די־ישע ישם)

זיי האבען געמוזט אפהיטען ביי די עלטערן אין הויז אויך אנדערע נארישע מנהגים, וואס די פאטערס, די ניקאלאיעווסקי סאלדאטען, האבען פון דעם שטארק געהאלטען, ווי דאס וואלט געווען דער יסוד, דער עיקר פון יודישקייט.

וועה וואלט געווען די קינדער, ווען זיי וואלטען נישט פאלגען זייערע שטרענגע פאטערס, וואס זענען אויסגעהארעוועט געווארען אונטער דער אייזערנער דיסציפלין, אונטער דעם אלמענשליכען קנוט, פון דעם סאלדאטסקען רעזשים אין ניקאלאי דעם ערשטענס צייטען.

ווען מען האט געזאגט אין דער געגענווארט פון אזעלכע פאטערס קריטיקירען, וועד רעדט נאך חלילה אויסלאכען איינעם פון די מנהגים, פון וועלכע זיי האבען פעסט געהאלטען, האבען די אלטע ניקאלאיעווסקי סאלדאטען געשריגען, געוואלדעוועט אין צארן, ארויסגעהענדיג פון די כלים, אז זיי, די פאטערס, האבען אליין אריבערגעטראגען אונטער זייערע ריארקעס אלס קאנטאניסטען, און האבען צווישען די ערלים אפגעהיט יודישקייט, ווי גאט אליין האט געבאטען. אלס שטראף דערפאר האט מען זיי געבראטען אויף הייסע סקאווראדעס, געלאזט זיי שלאפען אין ווינטער־נעכט אין שטאלען מיט די חזירים — ראך האבען זיי זיך נישט אונטערגעגעבען היינט, ווי סמייען דאס קינדער, וואס עס געהט זיי אזוי וואויל, אזוי גוט, ביי די רייכע עלטערן, וואו עס פעהלט זיי נישט פון פויגעל־מילך, ווי וואגען דאס די „צעפיעשטשעטע" קינדער צו קריטיקירען יודישע מנהגים וואס זייערע עלטערן, עלטערנס־עלטערן און אלע אבות האבען דאס אזוי הייליג אפגעהיט?

איך האב געוואוסט פון פאלען, וואו די פאטערס, געוועזענע ניקאלאיעווסקע סאלדאטען, האבען זייערע זיהן, סטודענטען, געשלאגען אהן רחמנות, האלב־טויט, פאר נישט אפהיטען דעם קלענסטען אוי־נערופענעם יודישען מנהג.

אין דער צייט פון אלעקסאנדער דעם צווייטען, בעזונדערס אין די זעכציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט, האבען אנגעהויבען קומען קיין מאסקווע יודען מיט בעזונדערע פריווילעגיעס צו וואוינען אויסער דעם תחום: סוחרים פון ערשטע גילדע, מענשען, וואס האבען גענדיגט א רוסישען אוניווערזיטעט, בעלי־מלאכות, סטודענטען, וואס זענען אנגענומען געווארען אין מאסקווע אין א הויך־שול.

שפעטער אביסעל האבען זיך בעזעצט אין מאסקווע, אדער זיך צייטליך אויפגעהאלטען, אויך אנדערע יודען, וואס זענען געקומען פון תחום־המושב אין דער אלטער הויפט־שטאדט פון „מאטושקא ראסיא" זוכען פרנסה, יודען, וואס האבען קיין פריווילעגיעס נישט געהאט. אין דער צייט, ווען פירשט ראלנארוקאוו איז געווען דער גענעראל־גו־בערנאטאר האט מען נישט אזוי געשטיקט, נישט אזוי פערפאלגט די יודען אין מאסקווע, ווי נאכדעם, אין דער צייט, ווען עס האט געהערשט דער פעטער פון ניקאלאי דעם צווייטען און דער ברודער פון אלעקסאנדער דעם דריטען, סערגעי דער צורר ישראל, דער אידיאטישער טיראן און פערווערזער פערברעכער (וועלכער איז נאכדעם צעריסען געווארען פון א באמבע אין קרעמעל).

די יודען האבען זיך שוין אנ'עצה געגעבען ווי צו בעזעצען אין מאסקווע, אדער דארט צייטווייליג זיך אויפהאלטען, נישט האבענדיג קיין „רעכט" דערצו. א געוויסער טייל האט מיטגעבראכט פון זייערע שטעטלעך רעמעסלענע סווידעטעל־סטווס (ציינגישען, אז זיי זענען בעלי־מלאכות) נישט קענענדיג באמת קיין מלאכה. פאליציי האט געוואוסט, אז זיי זענען נישט קיין בעלי־מלאכות, און זיי האבען בעקומען מאנאטליכען כאבאר. אנדערע האבען קיין ציינגישען איבערהויפט נישט גע האט, און זיי האבען געצאהלט גרעסערע סומען דער פאליציי און געווען אפהענגיג פון זייערע קאפריזען, פון זייער אכזריות, פון זייער געלד־דורשט.

א גרויסע צאהל פון די „זיך־אריינגעגנב'עטע" יודען, אהן „רעכט" איבערצונעכטיגען אין מאסקווע, וואס האבען זיך די ערשטע צייט דארט אויפגעהאלטען נאר מיט ניסים, — אין יערען מאמענט האט מען זיי געקענט ארעסטירען און אפשיקען אין תחום־המושב, אין יודישען ראיאן, מיט עטאפ, — פיל פון אזעלכע יודען האבען זיך נאכדעם ערוואָרבען וואוין־רעכט און האבען געשפילט א וויכטיגע ראלע אין דעם האנדעל אדער אינדוסטריע פון רוסלאנד, און זאגאר אין דער וויסענשאפט און ליטעראטור.

די, וואס האבען נישט געהאט קיין געלד צו צאהלען, זיך אויסצוקויפען פון דער פאליציי, האבען זיך אויסבעהאלטען פון איהרע אויגען און אייזערנע לאפעס, זיך אויסבעהאלטען אין לעכער, אין די אוממעגליכסטע וואוינונגען, פיל אין ענגע, שמוציגע, שטיקענדע קעמערלעך.

די פאליציי פלעגט אפט מאכען אבלאוועס שפעט אין דער נאכט און איבערפאלען אזעלכע פערדעכטיגע וואוינונגען, זוכען אין די בעטען, אונטער די בעטען, אין אלע שפאלטען, און ארויסשלעפען יודען פון כתי־כסאות. די יודען פלעגען זיך אפקויפען אין אזעלכע פאלען פון דער פאליציי מיט די לעצטע מיטלען, אדער אנדערע פלעגען זיי אויסקויפען.

עס איז געווען א טרויעריגע, שענדליכע צייט, יודען פלעגען נאך מאכען לוסטיגע וויצען, דערצעהלען שארפע ,נעפעפערטע אנעקדאטען, איבער דעם, ווי פאליציי האט אויף זיי געמאכט אבלאוועס, ווי אויף ווילדע חיות.

איך האב געקענט יונגע אינטעליגענטע יודען, וואס פלעגען זיך ארומשלייען נעכט, ווינטער־נעכט, איבער די גאסען, ווייל זיי האבען מורא געהאט, אז מע וועט אויף זיי מאכען אנ'אבלאווע אין זייערע קאנורעס, און נישט האבענדיג א פרוטה ביי זיך, וועט מען זיי ארויסשיקען פון מאסקווע מיט'ן עטאפ, ווי פערברעכער.

עס זענען אויך געווען אזעלכע יודען — אמת, זייער צאהל איז געווען זעהר קליין, — אין מאסקווע, און דוקא פון דער אזוי־גערופענער אינטעליגענץ, וואס האבען ערוואָרבען זייער רעכט צו וואוינען אויף דע בשענדליכסטע ואופן: זיי פלעגען קויפען א טויף־צעטעל ביי א געוויסען פראטעסטאנטישען גלח ,וועלכער האט געהאנדעלט מיט דעם. האבענדיג דעם טויף־צעטעל אין קעשענע, האבען זיי פאר דער פאליציי קיין מורא נישט געהאט, אבער זיי האבען דאס בעהאלטען פון די יודען. זיי זענען געבליבען אין דער יודישער געזעלשאפט, חייל קיינער האט נישט געוואוסט, אז זיי טראגען זיך ארום אין נעהיים מיט א טויף־צעטעל. נאר ווען איינער פון זיי פלעגט שטארבען, און די פאליציי פלעגט צווינגען איהם מקבר צו זיין אויפ'ן קריסטליכען בית־עלמין ,דאן פלעגט ארויסקומען דער שענדליכער סוד.

אזוי איז עס געווען מיט דעם איינציגען זוהן פון דעם גאון רבי ליבוש מלבי"ם, וועלכער האט געוואוינט אין מאסקווע אויף א טויף־צעטעל, און ערשט נאך זיין טויט האט מען זיך דאס דערוואוסט.

ארדט" זאכאדניא 43

יודישער קאמער־טעאטער

לייטונג: מ. בראדערזאן.

לעצטע טעג!

היינט, מאנטאג – 1 פארשטעלונג: אנהויב 9.30 א זייגער אווענד

„משיח געהט"!...

1. פראלאג	5. שא, שטיל	8. פעטש
2. משיח געהט!...	6. שמידען	9. פריילין מייטעל
3. קהלת	7. שאכנע־יאכנע	10. מ'הוליפס
4. קארטן (באלאדע)		

די קאסע איז אפען טעגליך פון 6 אווענד, שבת פון 1—5 נאכמיטאג און פון 7 אין אווענד.

הנחה בילעטען גילטיג מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג.

יורידישע עצות.

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" אנגעארטען אויף יורידישע פראגען, וואס ווערען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן.

יורידישע אפטיילונג

פון „נייעם פאלקסבלאט".

[illegible]

גילטיג דעם 29-טען אקטאבער 1928

8246 T פון גייערס ראיאן.

דאס יאהרגאנג 1900 מוז זיך אזמבעדינג שטעלען אויף דער קאנטראל־פערזאמלונג, אומאפהענגיג פון דער קאטעגאריע, און אויך פון די אומשטענדען צי מ'איז געווען מיט עטליכע יאהר צוריק אויף די מיליטערישע איבונגען.

8247 שייבער.

8248 אנ'איבערגעגעבענער לעזער פון דאלנע.

מיר האבען שוין איינמאל געענטפערט אויף אנ'ענליכע אנפראגע, אז אויף די קאנטראל־פערזאמלונגען ווערען נישט גערופען די מיליטער־פליכטיגע, וועלכע זענען אין לויפענדען יאהר בעפרייט געווארען פון אקטיווען דינסט אדער האבען דורכגעמאכט די מיליטערישע איבונגען.

8249 שמואליק.

8250 א שט. לעזער פון לאגעווניצקא 50.

8251 נ. ק־ל.

אויף די געביטען פון וועגען אייערע ענינים געוו. זאגאר פרוסקי ווערט אנגעוואנדען דער שטראף־קאדעקס פון 1871 יאהר אויף די געביטען פון געוו. עסטרייכישען זאגאר איז פערפליכטענד דער שטראף־קאדעקס פון 1852־יאהר און אויפ'ן שטח פון קאנגרעס פוילען גילט דער געוו. רוסישער שטראף־קאדעקס פון 1903.

צוליב אפטע מיספערשטענדנישען ווערען די לעזער געבעטען, אז אויף די קאפערטען פון די צוגעשיקטע אנפראגען זאלען זיי בעמערקען, אז די בריף זענען בעשטימט פאר דער יורידישער אפטיילונג.

---:ס:---

8252. האבע.

קעגען דער דעציזיע פון דער קאמיסיע אדוואלאטשע קאן מען דערלאנגען אנ'אנקלאגע אין העכסטען טריבונאל אדמיניסטראציני.

---:8:---

8253. מ־טש

אונטער אנ'אפיציעלען דאקומענט קאן מען אונטערשרייבען נאר דעם נאמען, ווי מען פיגורירט אין די מעטריקאלע ביכער און נישט ווי מען רופט אין דער היים אדער אין געזעלשאפט. עס דראהט דערפאר א שטראף ביז 1000 זל.

8454. ש. ל. פון זאכאדניע 54.

א נארמאלער אויסלאנדס פאס קאסט 250 זל. אנ'הנחה־פאס צוליב קוראציע־צוועקען קאן מען בעקומען ווי באלד מען טוט בעלייגען צו דער בקשה א בעשטעטיגונג פון רעגירונג־דאקטאר, אז די אויסלענדישע קוראציע איז אומבעדינגט נויטיג.

---:ס:---

8255 א בעל בית פון קאנסטאנטין.

דערלאנגט אויפ'ן געאמעטרא אנ'אנקלאגע צום וואיעוואדע.

8256. בעלכאטאווסקי

איהר קאנט לייגען אנ'ארעסט אויף דער גאזשע פון בעאמטען.

Dr. Z. Rakowski

ספעצ. פאר אויערן־, נאז־, האלז־ און לונגען־קראנקהייטען.

קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-31.

[illegible]

פערקויפט צום טייוועל.

(ראמאן).

58)

— וואס איז געשעהן? — האט זי האסטיג א פרעג געטון — פארוואס האט איהר מיר גארנישט געזאגט און אפגעלעגט דאס טרייבעל?

— איך האב נישט געהאט קיין צייט אויף צו פיהרען שמועסען, פריילין! — האט מארטען אומצופרידען א ברום געטון — דער הער קליין איז היינט אינדערפריה נישט געקומען צו דער ארבייט, און דאס בעאומרוהיגט מיך זעהר.

— וואס?! — האט טאליע אויסגערופען — איהר ווילט זאגען, אז ער האט זיך נאך נישט צוריקגעקעהרט פון זיין נעכטיגען וויזיט צום נאטאר זארעמבא?

— יא, דאס וויל איך טאקע זאגען! — האט מארטען מיט כעס צוגעשטימט — און מיר פאהרען טאקי איצט צום רעיענט אין זיין פריוואט־וואוינונג כדי צו דערוויסען זיך, וואוהין ער איז אהינגעקומען. זייט מיר אבער מוחל, פריילין, מיר איילען זיך זעהר!

זעצט זיך שנעלער אריין אין אויטא! איך פערהאלט אייך נישט. איך וועל אליין מיט אייך פאהרען!

מארטען איז געווארען אויסער זיך:

— ס'איז אוממעגליך, פריילין! איהר קאנט מיט אונז נישט פאהרען!

— מילא, דאס וועלען מיר שוין זעהן פארטיקעלהייד, צי כ'קאן נישט מיטפאהרען! — האט זי איהם איבערגעשלאגען, עפנענדיג דאס טירעל פון אויטא, איז זי אריינגעשפרונגען אינעווענינ־ זעצט זיך שוין! מ'טאר נישט בעלעמוטשען, און פערלירען א מינוט!

— אבער פריילין...

איינער פון די פאליציאנטען, וועלכער איז משמעות געווען מעהר מבין פון איהם אויף פרויען, האט אנגענומען מארטענען פאר'ן ארבעל, און א זאג געטון:

— לאזט זי געמאך! זאל זי פאהרען! פאלט זיי נאר עפיס איין א „מאגהאליע" אין קאפ וועט איהר שוין זייער נישט פטור ווערען!.. לאזט זי, מארטען! זי איז גערעכט: מ'טאר נישט פטר'ן קיין מינוט צייט, ווארום דער הער קליין איז אין געפאהר! פאהרען מיר!

מארטען האט זיך אנגעברוגזט, אבער פערשטעהענדיג, אז ער האט דא קיין ברירה נישט, איז ער אריין אין אויטא, און געהייסען דעם שאפער פאהרען.

— דאס איז געגען אלע כללים! — האט ער אומצופרידען געברומט — די לייטונג זאל זיך נאר דערוויסען, וועט זיך מאכען יום־טוב...

— זאגט מיר, אקארשט, וואס איז געשעהן?

— האט איהם טאליע איבערגעשלאגען די רייד — איהר ווייסט דאך, אז דער הער קליין פערטייעט פון מיר גארנישט, און איהר קאנט מיר אלץ דערצעהלען.

— כ'האב נישט, וואס צו דערצעהלען פריילין. דאס אלץ וואס איך ווייס, איז דאס נאר — אז דער הער קליין, און דער בעאמטער יאקובינסקי, וועלכער האט אכטונג געגעבען אויפ'ן הויז פון זארעמבאן, זענען פון נעכטען אן נישט צוריקגעקומען. ס'קאן גרייליך געמאלט זיין, אז מיר וועלען זיי דארט טרעפען געזונד און שטארק.

— איך ווייס נישט... עס גלויבט זיך מיר נישט! — האט טאליע אויפגערעגט א זאג געטון — אייער אויטא קאן נישט שנעלער פאהרען? — האט זי אומגעדולדיג צוגעגעבען.

— ער גייט אזוי אויך מיט'ן פולען גאנג, פריילין.

דער אויטא האט זיך פאקטיש געיאגט מיט א געוואלדיגער שנעלקייט, אויסמיידענדיג שנעל גאסען און געסלעך.

טאליע איז געווען ממש אויסער זיך פאר שרעק, וואס מיט קליינען האט געקאנט עפיס פאסירען.

פאר איהרע אויגען איז די גאנצע צייט געשטאנען דאס סימפאטישע פנים פונ'ם אינספעקטאר מיט די גלאט־צוגעקעמטע, עטוואס אנגעגרויטע האר.

שיער מיט טרעהרען האט זי זיך דערמאהנט אין זיין לעצטען פעסטען האנד־דרוק, אין זיין רוהיגען מעסיגען קול, אין דעם שטילען געשפרעך מיט צוויי טעג צוריק.

און דאס מיידעל האט פלוצלינג פערשטאנען, אז זי האט איהם ליב...

קאפיטעל פערצעהן

דער אויטאמאביל איז האסטיג אריינגעפאהרען אינ'ם שמאלען געסעל, וואס האט געפיהרט צו זארעמבא'ס הויז און זיך הארט ביים טויער אפגעשטעלט.

נישט קוקענדיג אויפ'ן שטארקען קליגגען, איז פון הויז קיינער נישט ארויס.

טאליע איז ארונטערגעשפרונגען פון אויטא, און איז מיט דער עליע אוועקגעלאפען צום הויז.

אויפ'ן מיטען וועג האט זי אנגעיאגט מארטען מיט די פאליציאנטען.

— פארזיכטיג! פארזיכטיגער, פריילין! האט מארטען צוטומעלט געפרובט זי אפהאלטען. — עס וועט זיין בעסער, איהר זאלט צווארטען אין אויטא. לויפט נישט פארויס, ווארום מיר ווייסען נישט, וואס עס ווארט אויף אונז דארט!

לויפענדיג נאך, האט דאס מיידעל בעווארפען אויף איהם א פעראכטונגס־בליק.

זי איז אנגעקומען די ערשטע צו דער טיר, און אנגעקלונגען.

— דארט איז קיינער נישטא — האט זי אויסגערופען — זאל עמיצער פרובען אריין פון דער אנדער זייט.

איינער פון די פאליציאנטען האט זיך אפגעטיילט פון דער גרופע, און אין א ווייל ארום איז ער פערשוואונדען הינטער'ן ווינקעל פון הויז.

א צווייטער איז אפגעטראטען אויף צוריק, און אויפגעהויבען דעם קאפ אין דער הויך, צי קוקט נישט ארויס עמיץ פון די פענסטער.

(פארזעצונג קומט)

ספארט-בעוועגונג.

לאָדזער ספּאָרט-דערבּי
„טוריסטען" — „ל.ק.ס." 1:1 (1:1)

זונטאָג זענען אין לאָדז פאָרגעקומען די הײַיאָהריגע ספּאָרט-דערבּי. עס האָבּען נעמליך געשפּילט דעם צווייטען מעטש וועגען דער ליגע-מייסטערשאַפט די צוויי היגע ליגע-מאַנשאַפטען „ל.ק.ס." און די „טוריסטען".

צו די דערבּען קאָנצענטרירען די מאַנשאַפטען זייערע בּעסטע כּוחות און שטענדיג שטרעבען די מאַנשאַפטען צו מאַכען זייערע אָנהענגער אַ סורפּריז, אַריינשטעלענדיג אין די רייהען פון איהרע מאַנשאַפט אַ שפּילער, וועלכען מען האָט שוין לאַנג נישט געזעהן, אַ שפּילער פאַר וועלכען די שפּילער און אויך דאָס פּובּליקום האָט רעספּעקט.

אַזוי איז געווען מיט אַ צייט צוריק, ווען די „טוריסטען" האָבּען צום פינאַל-מעטש מיט „ל.ק.ס." אַרויסגעשטעלט דעם פּאָפּולערען ספּאָרטלער שטענצעל און ער האָט דעם מעטש געוואונען.

דער נעכטיגער מעטש איז נאָך צוליבּ איין זאַך געווען זעהר וויכטיג פאַר „ל.ק.ס.", ווייל דאָס פערשפּילען פון דאָזיגען מעטש, האָט זיי געקאָנט קאָסטען זעהר פיל, נעמליך די דראָהונג פון אַראָפּ-פאַלען אין דער צווייטער קלאַס, האָט געהאָנגען איבּער זיי.

צוליבּ דעם צווישען-מלוכה'שען מעטש: פּוילען — „טשעכאָסלאָוואַקיי" (דער מעטש האָט זיך פערענדיגט 2:3 לטובת „טשעכיען) איז „ל.ק.ס." אַרויסגעטרעטען אָהן גאַלעצקי'ן און די „טוריסטען" אָהן קאַראַש'ן. די בּיידע שפּילער האָבּען געשפּילט אין דער פּוילישער רעפּרעזענטאַנץ-מאַנשאַפט.

מעגען דעם געוואַלדיגען אינטערעס, וואָס דער נעכטיגער מעטש האָט אַרויסגערופען, קאָן דינען דאָס, וואָס דאָס פּובּליקום האָט אָנגעהויבּען צו פערלאַנגען די בּילעטען-קאַסעס מיט 3—4 שעה פאַר'ן אָנהויבּ פון מעטש. דער וועג, וואָס פיהרט צום פּלאַץ איז פול מיט מענשען. די טראַמוויי'ען, אויטאָס, דראָזשקעס זענען פול מיט מענשען. בּיים אָנהויבּ פון מעטש רעכענט מען די צאָהל בּעזוכער בּיז זיבּען טויזענד מאַן. די אָרדנונגהאַלטען רייטער-און פוס-פּאָליציי. די פערוואַלטונג און מיטגלידער פון די „טוריסטען" האַלטען בּיים אַריינגאַנג און אויף די טריבּונעס אַ מוסטערהאַפטע אָרדנונג און צום ערשטען מאָל הײַיאָהר האָבּען די פּרעסע-פאָרשטעהער ווייטערע פּלעצער, וועגען דעם האָט ספּעציעל געטראַכט די „טוריסטען"-ליטונג.

די מאַנשאַפטען זענען אַרויסגעטרעטען פאַר'ן ריכטער ה' בּאַראַן (פון פּויזען) אין פאָלגענדע צוזאַמענשטעלונג:

„טוריסטען": מיכאַלסקי, קוביק, ניעוויאַראָמסקי, הינץ, וויעלישעק, קולאַוויאַק, מיכאַלסקי, בּלאַשטשינסקי, וועגלאָווסקי, סטאָלאַרסקי, פראַנקוס.

„ל.ק.ס.": מילאַ, ציל, יעושעווסקי, טשמיעל, קוביאַק, טעגזאַ, דורקאַ, סאָוויאַק, קרול, מאַסקאַל און שלערוש.

דעם מעטש הויבּען אָן די „טוריסטען", דעם בּאַלעם נעמט בּאַלד איבּער „ל.ק.ס." אָנגריף און זיי ערצילען אין דער 3 מינוט אַ קאָרנער. די „טוריסטען" שפּילען געגען ווינד, אָבּער דאָך איז דאָס שפּילען אַ גלייכעס. „טוריסטען" ערצילען אַ פריי-שטויס אין דער 5 מינוט איז אונטער „ל.ק.ס." טויער דער ערשטער שפּאַנענדער מאָמענט. „טוריסטען" קאָנען ערצילען אַ טויער, נאָכמעהר, צוליבּ דעם, וואָס „ל.ק.ס."-טויערמאַן איז אַרויס פון טויער. אָבּער אַ דאַנק טשמיעל'ן פערלירט נישט „ל.ק.ס." אַ טויער.

אָבּער שוין אין אַ מינוט שפּעטער, זענען ווידער די „טוריסטען" אונטער „ל.ק.ס." טויער און פון סטאָלאַרסקי'ס אַ צענטער ערצילט אין דער 6טער מינוט בּלאַשטשינסקי דאָס ערשטע טויער פון טאָג (פאַר די „טוריסטען") אַ אויסגעשריי פון פינף טויזענד מענשען בּעגריסען דאָס ערצילען פון טויער.

דאָס שפּילען איז אָהן איבּערוויכט, ס'איז אַ אָפּענעם ,געפיהרט אין אַ נעבּהאַפטע און אָפט אַפילו אין אַ שאַרפע טעמפּא. דער בּאַלעם לויפט פון איין טויער צום צווייטען. אין דער 17-טער מינוט פיהרט „ל.ק.ס." אַדורך אַנ'אָנגריף. דער בּאַלעם נעהט אָבּער אויף אויס און פון דעם מאָמענט וואָלט „ל.ק.ס." גאָרנישט אויסגענוצט, ווען נישט... קובּיק „פאַולירט" „ל.ק.ס." אַ שפּילער (הגם דער שפּילער איז שוין נישט געווען בּיים בּאַלעם, דאָך דיקטירט (!) דער ריכטער אַ 11-מעטער-שטויס און דורקא ערצילט אַנ'אויסגלייך.

דאָ הויבּט אָן דאָס שפּילען ווערען בּרוטאַל. צוליבּ דעם מוז דורקא פון „ל.ק.ס." און וויעלישעק פון „טוריסטען" אויף עטליכע מינוט פערלאָזען דעם פּלאַץ.

בּיידע מאַנשאַפטען פיהרען פיל אָנגריפען („טוריסטען" האָבּען מעהר פון שפּילען) אָבּער זיי ווערען נישט אויסגענוצט.

אויף אַנ'אָריגינעלען אופן רייסט דער ריכטער איבּער דאָס שפּילען. נעמליך, אין מאָמענט, ווען „ל.ק.ס." דאַרף שיסען אַ קאָרנער.

דער רעזולטאַט בּיי דער פּויזע איז 1:1.

די צווייטע העלפט ווערט שוין נישט געפיהרט איז אַזאַ לעבּהאַפטע טעמפּאָ, ווי אין דער ערשטער. דאַנעגען האָט דאָ דאָס וואָרט דאָס פּובּליקום. געוואַלדען, געשרייען, פייפעריי'ען און פּראָטעסטען הערען זיך כּסדר. דאָס פּובּליקום רופט די פּאָר זיי סימפּאַטישע שפּילער צום קאַמף, צום אויסדויער. אָפּ טקומט צו קאָנפליקטען, צו געשלעגען, און די פּאָליציי מוז אינטערווענירען. די „גאַלעריע" בּרעכט איין די בּאַריערע אָבּער קיינער געהט נישט ווייטער. יעדער קלערט נאָר: ווער וועט אַרויס אַלס זיגער.

„טוריסטען" האָבּען אויך אין דער צווייטער העלפט מעהר פון שפּילען. און מען בּעמערקט ווענעג דאָס זיי שפּילען בּלויז אין אַ צוזאַמענשטעל פון „9". 2 שפּילער האָבּען געמוזט אויף צוואַנציג מינוט פערלאָזען דעם פּלאַץ, צוליבּ'ן בּרוטאַלען שפּילען פון געגנער.

אין דער לעצטער מינוט האָבּען די „טוריסטען" אַ געלעגענהייט צו ערצילען אַ זיג. אין דער 90 מינוט ריקטירט דער ריכטער אַ פריישטויס. קובּיק שיסט איהם ,אָבּער אינ'ם מאָמענט פון שיסען רייסט דער ריכטער ה' בּאַראַן איבּער דאָס שפּילען...

דער מעטש איז געוועזען פול מיט עמאָציעס. און האָט געגעבּען בּיידע צדדים פון פּובּליקום פיל פערגעניגען.

הגם דער מעטש האָט זיך פערענדיגט רעמי, אין „ל.ק.ס." האָט דערפון נאָר איין פּונקט, דאָך האָבּען זיך איהרע שאַנסען צו פערבּלייבּען אין דער „עקסטראַ-קלאַס" פערבּעסערט.

דער נעכטיגער מעטש איז געוועזען דער לעצטער „ליגע-מעטש" הײַיאָהר אין לאָדז. עס וועט נאָר נאָך פאָרקומען 1 מעטש צווישען „ל.ק.ס."—„ווּיסלאַ", אָבּער אָהן פּובּליקום.

אַ-ן.

——=:§:=——

„חשמונאי"-„קאָנקאָרדיאַ" פּיאָטרקאָוו 1:0

גרויסע ,אָבּער נישט פערדינטע מפּלה פון „חשמונאי", וואָס ווייזט; אַז זייערע שפּילער זענען שוין צופיל אויסגעמאַטערט.

„פּוילען"-„טשעכיען" 3:2 (2:0) און 1:0

פּ ר אַ ג, 28 (ספּ. טעל.)

שבת, דעם 27 און זונטאָג, דעם 28 ה. ח. זענען דאָ פאָרגעקומען 2 צווישען-מלוכה'שע פוסבּאַל-מעטשען צווישען די טשעכישע אַמאַטאָרען און פּראָפעסיאָנעלער רעפּרעזענטאַנץ פון די פוסבּאַל-קלובּען געגען דער פוסבּאַל-רעפּרעזענטאַנץ פון פּוילען.

אין ערשטען טאָג האָבּען געשפּילט די פּראָפעסיאָנעלע שפּילער געגען דער פּוילישער רעפּרעזענטאַנץ און נאָך אַ שווערען קאַמף האָט זיך דער מעטש געענדיגט מיט אַ קליינעם נצחון פון די טשעכען אין פערהעלטניס פון 2:3. בּיידע טויערען האָט אין דער צווייטער העלפט געשאָסען ריימאַן I (ווּיסלאַ, קראָקע) דער בּעסטער אויפ'ן פּלאַץ איז געווען דער לאָדזער פערטיידיגער פון די „טוריסטען" קאַראַש.

אין צווייטען טאָג האָט ווידער די טשעכישע רעפּרעזענטאַנץ פון די אַמאַטאָרען בּעזיגט פּוילען מיט אַ רעזולטאַט פון 0:1.

ק אַ ט אָ וו י ץ, 28 (טעלעפאָניש).

„I. פוטבּאָל-קלובּ" — „שלאָנסק" 0:5

(וועגען דער מייסטערשאַפט פון פּוילען).

פּ ש ע מ י ש ל, 28 (ספּ. טעל.)

„פּאָלאָניאַ" — „ל.ט.ס.ג." 2:3

(וועגען אַריינגעהען אין דער „עקסטראַ-קלאַס")

„סדימה" — „שטערן" (פּאַבּיאַניץ) 1:2

„קראַפט" — „בּוזשאַ" (פּאַבּיאַניץ) 2:2

פריינדשאַפטס-מעטש

דעם פאַריגען זונטאָג אין פּאַבּיאַניץ.

„סאָקאָל"—„ל ק.ס." I ב 1:1 וועגען „אַ" קלאַס

„ל.ט.ס.ג." II — „בּיעג" 1:6

„טוריסטען" II — „ספּאָרט-קלובּ פון שייבּלער און גראָהמאַנ'ס פאַבּריק" 0:3

ה. בּ-ן.

MIEJSKI KINEMATOGRAF OSWIATOWY

Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26

Dojazd tramwajami 16 i 10.

Od dnia 24 do dnia 29 października 1928 r.

Dla dorosłych: **Dla dorosłych:**

Student z Pragi

Dramat w 12 akt. W roli głównej: Konrad Veidt

Następny program: „WSCHÓD SŁOŃCA"

Dla młodzieży:

BOHATEROWIE SAHARY

Niesamowite przygody odważnych podróżników.

W poczekalniach kina codz. do g.22 audycje radjofonicz

פון קלובּ פון יודישען פרויען-פערבּאַנד „וו.י.ז.אַ."

אַלעע קאָשטשושקי 21.

היינט, מאָנטאָג, 9 אַ זייגער אין אָווענד, וועט פאָרקומען

אַנ'אָוונד פון רעציטאַציעס

און מעלאָ דעקלאַמאַציעס פון די בּעוואוסטע העבּרעאישע אַרטיסטען פון פּאַלעסטינע

תאומי פערקאָל און תאומי מייער

די קליינע צאָהל איבּערגעבּליבּענע בּילעטען זענען צו בּעקומען אין סעקרעטאַריאַט פון קלובּ, אַל. קאָשטשושקי 21 פון 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

פעלץ-וואַרע

אַלערארט אין אַ גרויסען אויסוואַהל

צו צוגענגליכע פרייזען און גינסטיגע בּעדינגונגען

B-cia F. i J. Pietruszka עמפּפעהלען

זשעלאַזנאַ 2, טעל. 38-42

פּיעטריקאָווער 165, טעל. 17-75.

בּעמערקונג: קירזשנער ווערקשטעל אויפ'ן אָרט.

ס'ווערט געזוכט

האַנדלייערס

און אַ אויספּרעסער

צו מענער-מאַגאַזין

ערשטער סאָרט

בּיי **קנאַבּעל**

אַלעקסאַנדראָווסקאַ 10.

אַ האַלבּ געוועלבּ

איבּערצוגעבּען אויף קאָנסטאַנטינער 72. ס'איז אויך צו פערקויפען אַ געוועלבּ-שאַנק בּיים שוסטער.

האַנד-

שפּולערינס

צו צווירן ווערען געזוכט

בּיי ש. האָורוויצעל

אָגראָדאָווע 9 2-טער הויף

1. סטאָק. ס'קען זיך אויך מעלדען אַ יונגעל.

עס ווערט געזוכט

האַנד-נייהערינס

צו מענער-מאַגאַזין

בּיי ה. וויגדאָראָוויטש

קעלבּאַכ'ס גאַס 8.

עס ווערט געזוכט

אַנ'ערשטקלאַסיגער

מענער-שניידער

זאָפאָרט בּיי ה. שראַנק

אַנדזשעיאַ 42.

Dr.

J. POLAKOW

קינדער קראַנקהייטען

קאָנסטאַנטינער 37a

טעל. 39-75.

צוריקגעקעהרט

נעהמט אָן און דער לעטשניצע אויף גייערס מאַרק (פּעטריקאָווער 294) פון 2 בּיז 3½ נאָכם. און דערהיים פון 3½—5 נאָכם.

Dr. med.

BRAUN

וואוינט יעצט

6-טען שערפּיען 1

(בּענעדיקטאַ) טעל. 40-26

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און וועגערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע נעמט אָן פון 9—11 פריה און פון 5 בּיז 8 אָווענד.

בּעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַך איך בּעקאַנט דער געעהרטער קונדשאַפט, אַז

פאַבּריק פון קאַרמעלען

„רענעסאַנס"

איז ווייטער טעטיג

און געפינט זיך אויף **זגערזשער 26.**

לעטשניצע „זדראָוויע"

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

נאָוואָמיעסקאַ 3 (וואָסכאָדניאַ 13)

טעל. 37-76.

אויגען	דר. קראוש	3 4, זונטאָג 10½ 11½
נערווען	דר. בּראָניסלאַוו פרענקל	12½-1½ הוץ פרײַטאָג
מאָגן און קישקעס	דר. אַל. מאַרגאָלים	2—3 חוץ זונטאָג און דינסטאָג
אינערליכע	דר. ניבּיאַנסקי דר. כאַץ דר. לעווי דר. כאַן הענריך	9½-11½ זונט. פון 9½-11 12—2 זונטאָג 12 - 1 3--4½ זונטאָג 1—2 11—12 זונטאָג 11—12
קינדער	דר. פּאַלאַטשיק אַרק דר. מאַשלאַנקאַ דר. פרעכנער	11—12½ און 4⅝—5, זונטאָג 12—2 1½-2½ זונטאָג 10-12½ 5-6½ זונטאָג 9-10½
כירורגיש.	דר. פּערלים	12-1½ 6-7½ זונט 11-1
פרויען	דר. אַראָנסאָן דר. אייגערסאָוואַ	12—1 זונטאָג 12—1 10½—1½ דינסטאָג 12½-1½ חוץ פרײַטאָג
אויערן נאָז האַלז	דר. ראַבּינאָוויטש	1—2, זונטאָג 12—1½
הויט און ווענעריש	דר. פאַלק דר. זאָנענבּערג	3½-4½ זונטאָג, 9-10 11—12 זונטאָג 10—12
רענטגען-לאַבּ.	דר. קיילמאַן	3—7
מעד. אַנאַליזען	דר. מ. כאַצען	

ווייזיטען אין שטאָט, פּאָקען-שמעלצן. רענטגענאָגראַפיע. זעמטליכע דורכשטראַלונגען (קוואַרץ לאַמפּען). די לעטשניצע איז טעטיג פון 8.30 פריה בּיז 7.30 אָווענד. זונטאָג – פון 30.8 בּיז 2 נ. מ.

אַל תתהלל בּיום מחר!!

כי לא תדע מה ילד יום.

לייג נישט אָפּ אויף מאָרגען

נאָר, אַז דו דאַרפסט ערלעדיגען כאַנדאָווע זאַכען וואָלסטו גלייך קומען צו לויפען אין בּיוראָ

פּעטריקאָווער 17 הויף גאַנג זאַכאָדניאַ 52

וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאַפט געשריבּען לויט'ן אויסטאַוו אַלערליי בּיטעס, קלאַוזולעס, זאַבּעזפּיעטשעניעס אויך אַלע שטעמפּ אין פּוילען, אַפּעלאַציעס ציווילע און קאַרנע אַפּאַזיציעס, אַדוואָלאַניעס, רעקורסען וועגען דירה אין אורזשאַנד-ראָזיעמטשי, וועגען פּעסער אין קאָמיסאַריאַט-רזשאָנדו און אַלע פּאָליציי-בּעצירקען, אַקטען אינטערציזיעס, אַקטע דאַראַוויזנעס, קאַרנע פּראָוועס, ווי אויך איבּערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. ספּעציאַליסט פון שותפות-אַקטען. מיט אַכטונג

י. מאַנעלאַ רעכט-קאָנסולענט.

[illegible] פּרייז: טעגליך-15 גר. פרײַטאָג און ערב יום-טוב 20 גר. [illegible] — 5 זל. אַ חודש מיט צוטראָגען אין הויז; אויף דער פּראָווינץ — 6 זל. אין טעקסט-40 [illegible] 60 [illegible] אויסלאַנד — 80 פּראָצ. טייערער. פאַר אַ פּלאַץ-עקספּעדיציאָן נאָכ'ן טעקסט-1 [illegible] 15 [illegible] [illegible] די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פּעראַנטוואָרטליך. [illegible] אויף אַ בּעשטימטער [illegible] 30 פּראָצ. טייערער. אויסל. 100 פּראָצ. [illegible]

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", opółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. [illegible] i D. [illegible]. Redaktor odpowiedzialny Ch. [illegible]

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 23.